Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 226 | Łódź, Czwartek 26 września 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג כא אלול תרפ"ט | № 226

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. ; אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71

פרעזידיום-ענדערונג אין קלוב פון פ.פ.ס.

אונצופרידענהייט מיט דער טעטיגקייט פון דעפ. ניעדזשאלקאווסקי

וו א ר ש א, 25. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

היינט האט זיך בעראטען דער צענטראלער אויספיהרונגס-קאמיטעט פון די פ.פ.ס., הגם עס הייסט, אז דארט ווערען בעטראכט נאר ארגאניזאציאנעלע פראגען, איז דאך בעקאנט, אז ס'וועט בעהאנדעלט ווערען די פראגע פון דעפ. ניעדזשאלקאווסקי, וועלכער האט בעקומען קלאהרע אינסטרוקציעס צו מאכען בעמיהונגען צונויפצורופען דעם סיים אויף אן אויסערגעוועהנליכער סעסיע. דעפ. ניעדזשאלקאווסקי האט דאס נישט געטון, נאר להיפוך, ער האט געטון אלץ, כדי דעם ענין צו פערשלעפען. צוליב דעם וועט געשטעלט ווערען אויף דער טאג-ארדנונג פון דער פארלאמענטארישער גרופע פ.פ.ס. אויסצוועהלען א נייעם פרעזידיום.

ענדעקעס ווילען נישט קומען צו דער קאנפערענץ

ווייל ס'זענען איינגעלאדען געווארען יודען און דייטשען

וו א ר ש א, 25. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

דאס פרעזידיום פון ענדעקישען קלוב האט היינט צוגעשיקט א בריף צום קלוב ב.ב. אלס ענטפער אויף דער איינלאדונג פון פולקאזניק סלאמעק אנטיילצונעהמען אין א קאנפערענץ וועגען קאנסטיטוציע-פראגען.

אין'ם בריף ווערט געזאגט אז דער ב.ב.-קלוב האט די גאנצע צייט אנגעפיהרט א העצע געגען די ענדעקעס און זיי פארגעווארפען, אז זיי האבען געהערשט מיט דער הילף פון פרעמדע. ווייטער ווערט געזאגט, אז אזא וויכטיגע פראגע ווי קאנסטיטוציע-ענדערונג, קען נישט בעטראכט ווערען אין דער אנוועזנהייט פון דייטשען און יודען, וועלכע זענען אויך איינגעלאדען געווארען צו דער קאנפערענץ, צוליב דעם אלעם זאגט זיך דער ענדעקישער קלוב אפ אנטיילצונעהמען אין דער קאנפערענץ.

4 טעג ארבייטען-1 טאג רוהען

ק א וו נ א, 25. (א.ט.א.) דער ראט פון פאלקס-קאמיסארען אין מאסקווע האט בעשלאסען גלייך איינצופיהרען די נייע פעראָרדנונג וועגען דער ארבייטס-צייט. לויט דער דאזיגער פעראָרדנונג וועט מען פיר טאג ארבייטען און איין טאג רוהען. אלע רעליגיעזע יום-טובים ווערען אפגעשאפט, עס וועלען נאר בלייבען די רעוואלוציאנערע יום-טובים ווי 1. מאי און אנדערע.

בירגער-קריג אין כינא

לאנדאן, 25. (א.ט.א.) לויט מעלדונגען, אויס שאנכאי, האט טשאנג-קאי-שעק אין א רעדע ערקלעהרט, אז אלע קלאנגען וועגען דעם, אז ער זאל רעזיגנירען זענען נישט אמת. דעם אויפשטאנד פון גענעראל טשאנג-פאק-וועי וועט ער דערשטיקען אין פערלויף פון איין חודש.

געשלעג צווישען קאמוניסטען און נאצ.-סאציאליסטען

האמבורג, 25. (א.ט.א.) אויף א פערזאמלונג פון די נאציאנאל-סאציאליסטען איז געקומען צו א גרויס געשלעג מיט קאמוניסטען. ס'זענען פעראן פיל פערוואונדעטע.

מאקדאנאלד און אמעריקא

פאריז, 25. (א.ט.א.) מאקדאנאלד וועט אויפגענומען ווערען דורכ'ן אמעריקאנישען אויסען-מיניסטער דעם 4-טען אקטאבער. דאן וועט ער אפגעבען אן אפיציעלען וויזיט אין ווייסען הויז.

עסטרייכישע רעגירונג אין דעמיסיע

וויען, 25 (ספ. טעל.) די עסטרייכישע רעגירונג איז היינט גראפ אין דעמיסיע. אלס נייער בונדעס-קאנצלער וועט בעשטימט ווערען דער ווינער פאליציי-פרעזידענט שאבער.

פונאנדערגעלאזען דעם טשעכישען פארלאמענט

פראג, 25 (ספ. טעל.) לויט א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט איז דער פארלאמענט, וועלכער איז געוועהלט געווארען אין יאהר 1925 אויף א 6-יעהריגער קאדענץ, פונאנדערגעלאזט געווארען. די נייע וואהלען וועלען פארקומען דעם 27 אקטאבער.

פערטיילונג פון אויסצייכנונגען אויף דער פויזנער אויסשטעלונג

פויזען, 25 (ספ. טעל.) מאנטאג 10 א זייגער אינדערפריה וועט אין העסטויביל פון דער פויזנער אויסשטעלונג פארקומען די פייערליכע פערטיילונג פון אויסצייכנונג פאר די אויסשטעלער אין פויזען.

געשלאסען די סעסיע פון דער פעלקער-ליגע

גענף, 25. (א.ט.א.) היינט איז געשלאסען געווארען די צעהנטע סעסיע פון פעלקער-בונד, דער פרעזידענט פון דער סעסיע האט געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען די רעזולטאטען פון דער אפגעהאלטענער סעסיע.

בירא-בידזשאן איז גינסטיג פאר קאלאניזאציע

בעריכט פון אמעריקאנער עקספעדיציע

מאסקווע, (י.ט.א.) די אמעריקאנער עקספעדיציע, וואס איז געפאהרען קיין בירא-בידזשאן, אנטער דער אנפיהרונג פון פראפעסאר העררים, אויסצופארשען, אויב מען קען דארט ווירקליך איינארדנען א יודישע קאלאניזאציע, האט נאך זעקס וואכען פארשונגען מיטגעטיילט, אז די אומשטענדען אין בירא-בידזשאן זענען גינסטיג פאר א קאלאניזאציע.

— בירא-בידזשאן, — גלויבט די עקספעדיציע, — האט גוטע קאלאניזאציאנס-מעגליכקייטען. דאס לאנד האט א רייכען באדען מיט א נאטירליכער פרוכטבארקייט. מען קען דארט אנטוויקלען מיט גרויס ערפאלג פערשידענע תבואות און אויך אינדוסטריעס.

די קאמיסיע וועט זיך אומקעהרען קיין מאסקווע קינפטיגע וואך. אין מאסקווע וועט זי אפגעבען א לענגערען בעריכט, און וועט אנהויב אקטאבער אפפאהרען צוריק קיין אמעריקע

די ענגליש-סאוויעטישע אונטערהאנדלונגען

קאוונא, 25. (א.ט.א.) אויס מאסקווע מעלדעט מען, אז די ערשטע קאנפערענץ צווישען דעם סאוויעטישען פארשטעהער דאווגאלעווסקי און דעם ענגלישען אויסערן-מיניסטער הענדערסאן האט ארויסגערופען, גרויס אומצופרידענהייט אין די רוסישע פאליטישע קרייזען. מ'האלט אז ענגלאנד וויל נאך נישט אנקניפען קיין נארמאלע בעציהונגען מיט רוסלאנד.

חנוכת הבית
בית הכנסת

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז שבת קודש, פ' נצבים, צו קבלת שבת, ווערט ערעפענט צום דאווענען

די נייע שוהל מיט דעם ביה"מ „עץ חיים" זגערזשער 43/45

וואס האט געבויט און מנדר געווען ה' יוסף אסטראוויעצקי בן דוב ז"ל אויף זיין נאמען מיט דעם נאמען פון זיין פרוי שתחי' איידיל בת ר' נפתלי ז"ל אויף א קרן קימת. גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז מש"ק פ' נצבים, צו די ערשטע סליחות אי"ה, בשעה 10, וועט געפייערט ווערען א פייערליכער חנוכת הבית. עס וועט האלטען א שארפזיניגע דרשה דער בצוואוסטער דרשן ר' משה יוסף דאנציגער.

אלע גוטע פריינד, שכנים און סימפאטיקער ווערען געבעטען מאַסענווייז צו קומען.

9967

בעמערקונג: דער עזרת נשים ווערט רעזערווירט פאר פרויען.

איינגאנג פריי!

די פערוואלטונג
עמנואל לעווין, יחזקאל כץ, יעקב קאלינסקי.

שניידער-צעך אין לאדז! צו דער עפענטליכקייט!

צוליב דעם, וואס די אונטען-אויסגערעכנטע אונזערע מיטגלידער דאמען-שניידער פערנעהמען זיך נישט מיט בעשטעלטע ארבייט, נור ארבייטען סטאנדייט-ארבייט פאר געשעפטען, ווערען זיי אויסגעשלאסען פון אונזער צעך, וויל מיר קאנען נישט טראגען די פעראנטווארטליכקייט פאר זייער ארבייט.

1) מיכאל מידלאק, פעטריקאווער 56,
2) מאריץ פריים, ציגעל-גאס 71,
3) אליהו פעלקא, ציגעל-גאס 23,
4) שלמה קאץ, זשעלאנא 3.

די פאך-פערוואלטונג פון דאמען-סעקציע
ביים שניידער-צעך אין לאדז, פעטריקאווער 20.

9579

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין ליבע שוועסטער
פרל. דארא
צו איהר חתונה מיט
ה' אלקסנדר זיסר זאוואדזקי
זאל זייער לעבענס-וועג מיט רויזען בעצירט זיין.
אברהם שווארצבארד.

פון טיפען הארצען ווינשען מיר מזל-טוב אונזער ליבע שוועסטער און שוואגער צו דער האכצייט פון זייער ליבע טאכטער פרל. דארא (זדונסקא-וואליא) מיט ה' אלקסנדר זיסר זאוואדזקי (פאביאניץ) און דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען. גאַש יסטער
דאבריש אוניקאווסקי, מינדל צודקאוויטש

שבועה דאורייתא!

מאנטאג, דעם 30 טען ד. ח., 2-טען טאג סליחות, 10 א זייגער פריה, וועט אין דער אלטשטעטישער שוהל שווערען ר' יצחק בראקמאז (פאמארסקא 53) וועגען 600 זל. וואס ער מאהנט ביי מיר און עס קומט איהם נישט.

9680
יוסף פראכאוויק, זגערזשער 5.

ענטשולדיגונג.

דערמיט בעט איך ענטשולדיגונג ביים שוחט
ר' בנציון ריבאק.
מיט אכטונג
מרדכי לייזר ברענזעל.

9596

היינט, דאנערשטאג, דעם 26. סעפט. ד.י. 12 א זייגער בייטאג וועט פארקומען די ענטהילונג פון דער מצבה און עס וועט אויך אפגעריכט ווערען א הזכרה נאך מיין ליבען מאן

נ. ע. בצלאל
פארזשוצקי

וועגען וואס עס טיילט מיט אלע פריינד, פערוואנדטע און בעקאנטע
די טיפטרויערנדע פרוי.

היינט, דאנערשטאג, כ"א אלול (ד. 26. סעפט. 1929) 10 א זייגער פריה צו די שלשים נאך אונזער ליבער און אונפערגעסליכער פרוי און מוטער

נ. ע. שרה
דאבניעווסקא

קומט פאר אויפ'ן בית החיים א הזכרה, וועגען וואס עס טיילען מיט אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע
די טיפטרויערנדע פאמיליע.

9587

פערטרעטער פון נציב העליון לוק:
וועגען די סבות פון די לעצטע געשעהענישען

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
דער יט"א-מיטארבייטער פיער וואן פאסען האט געהאט אַן אינטערוויאו מיט'ן שטעלפערטרעטער פון נציב-העליון לוק.
לוק האט ערקלערט, אז נאך 5 יאהר פערהעלטנישמעסיגע רוהע און לאנד איז די לאגע פאלש אפגעשאצט געווארען. מ'האט געמיינט, אז די א"י אראבער האבען שוין געשלאסען שלום מיט'ן גערשאנק העגען דער יודישער קאלאניזאציע. די איצטיגע געשעהענישען זענען דעריבער געווען א סורפריז און זיי האבען קלאר געמאכט, אז די אראבער האבען נישט געענדערט זייער נעגנערשאפט צו א יודישער נאציאנאלער היים.
בפרט זענען זיי לעצטענס אויפגערעגט געווארען נאך דער סעסיע פון דער יודישער אגענץ אין ציריך, ווייל זיי האבען דערזעהן, אז דער ענין פון א"י קאלאניזאציע דורך יודען הערט אויף צו זיין אן ענין פון דער ציוניסטישער פארטיי, נאר ווערט אן אינטערנאציאנאלע פונ'ם גאנצען אלוועלטליכען יודענטום. די יודען שטויסען ארויס די אראבער, קויפען אפ און פערנעהמען די בעסטע לאנד-שטחים.
ווייטער האט לוק געזאגט: אויב מ'זאל אנגעהמען שארפע מיליטערישע מיטלען געגען די אראבער, וואלט עס געקענט ברענגען צו אן אויפשטאנד אויפ'ן גאנצען מזרח. די רעגירונג מאכט דעריבער אלע אנשטרענגונגען איינצוהאלטען די נייטראליטעט און די שטרייטען, וואס קומען פאר צווישען יודען און אראבער (!?) די יודען זענען בעך רייטענד העכער פון די אראבער קולטורעל, אבער דאס געזעץ מאכט נישט קיין אונטערשיד צווישען זיי. צום סוף האט ה' לוק ערקלערט: אזוי לאנג ווי די אראבער בלייבען געגנער פון א יודישער נאציאנאלער היים אין א"י זענען נישט אויסגעשלאסען אזעלכע געשעהענישען ווי די איצטיגע.

אראבער העצען ווייטער צו באיקאט
און רייסען אראפ די העברעאישע אויפשריפטען

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
די אראבער טרייבען ווייטער א שענדליכע אגיטאציע פאר באיקאטירען די יודען. ס'ווערען איינגעארדענט פערזאמלונגען פון די האנדלווערקער, וואו ס'ווערט געפיהרט א פראפאגאנדע פאר באיקאט.

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
די אראבישע פרעסע טרעט ארויס געגען דעם, וואס די רעגירונג בעשפייזט 9000 יודישע פליטים.

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
אראבישע שקצים געהען ארום איבער די יודישע געוועלבער און רייסען אראפ די העברעאישע אויפשריפטען.

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
די אראבער פון צפת האבען נאכגעטון דעם ביישפיל פון די חברונער און זיך געווענדעט מיט א מעמאריאל צו דער רעגירונג, אין וועלכען זיי פארערן די דימיסיע פון יודישען פראקוראר בענטוויטש.

פראצעסען פאר האלטען געוועהר

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
א חיפה'ער יוד, אוזיאל, איז פערמשפט געווארען אויף א חודש טורמע און צעהן פונט שטראף פאר האלטען געוועהר.
דאס איז דער מילדסטער אורטייל אויף יודען פאר דער גאנצער צייט.
א צווייטער יוד איז אינגאנצען בעפרייט געווארען צוליב מאנגעל אין בעווייזען.

פאלשע בעשולדיגונגען

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).
די קריסטליך-מוזולמענישע אראבישע געזעלשאפט אין יפו האט בעשלאסען פארערן ארורכצופיהרען אן עקסהומאציע פון די אראבישע הרוגים. זיי בעהויפטען אז די יודען האבען געשענדעט די אראבישע מתים.

גרויסע אויפרעגונג אין ארץ-ישראל
צוליב דעם דער'הרג'עטען יודישען שומר

ירושלים, 25 (י.ט.א.) אין גאנצען לאנד הערשט א געוואלדיגע אויפרעגונג צוליב דעם בלוטיגען אנפאל אויף דער אונבעשיצטער יתומים-קאלאניע כפר ילדים, בעת וועלכען עס איז דער-הרג'עט געווארען דער יודישער שומר שלום אלישע (דאס איז זיין ריכטיגער נאמען) די אויפרעגונג איז נאך גרעסער דערפאר, ווייל נאכדעם ווי די מערדער האבען דעם שומר דערשאסען האבען זיי איהם נאך דורכגעשטאכען מיט שפיזען. מען איז אויפגעבראכט אויף דער ענגלישער מאכט דערפאר, וואס דער ערשטער שריט פון די ענגלישער מאכט, וואס איז אנגעקומען אין כפר-ילדים איז געווען צו קאנפיסקירען די ביקס פון דער'הרג'עטען יודישען שומר.

אין סיני-געביט ווייטערדיגע אונרוהען

ירושלים, 25 (א.ט.או.) דער ספעציעלער בעריכטסגעבער פון טעלעגראפען אוניאן טיילט מיט: אין דער קינדער-קאלאניע כפר-ילדים, וואס איז בעפאלען געווארען דורך די בעדואינער זענען אריין ענגלישע וועלגער, כדי צו בעוואכען די ארדנונג. צווישען די בעדואינער פון סיני געביט קומען ווידער פאר אונרוהען.

—=):§:(=—

אויף דער קאלאניע „משמר הירדן"
זעבען אנגעפאלען א מחנה בעדואינער

ירושלים, 25 (ספ. טעל.) אין דער יודישער קאלאניע „משמר הירדן", וואו ס'געפינט זיך אויך א שטארקער ענגלישער פאליציי-פאסטען, וואס היט דעם איבערגאנג איבערן ירדן, איז פארגעקומען אן איבערפאל פון א גרעסערע מחנה בעדואינער. זיי האבען צוגערויבט פיל בהמות. אויפ'ן אלארם-רוף פון די איינוואוינער איז אנגעקומען א גרעסערע אפטיילונג ענגליש מיליטער, וואס האט צוטריבען די אנפאלער און צוריקגענומען די בהמות.
6 בעדואינער זענען דער'הרג'עט געווארען.
די צוטריבענע בעדואינער ווערען פערפאלגט דורך ענגלישע פאנצער-אויטאמאבילען. אין דער קאלאניע איז איבערגעלאזט געווארען א שטארקע אפטיילונג מיליטער.
לאנדאן, 25 (ספ. טעל.) אין קאלאניאל-אמט האט מען פאר פרעסע-פארשטעהער ערקלערט, אז כדי צו זיכערן די רוה פון די איינוואוינער אין ארץ-ישראל וועט דארט סטאנציאנירען נאך א פולק מיליטער.

—=:§:=—

גרויסע ארעסטען אויף אוקראינע

ריגא, 25 (אטע). פון כארקאוו איז מען מודיע וועגען גרויסע ארעסטען אויף אוקראינע. דארט איז ענטדעקט געווארען אן ארגאניזאציע, וואס רופט זיך „פערבאנד צו בעפרייען אוקראינע" מיט אפטיילונגען אין אלע אוקראינישע צענטערען. די ארעסטען זענען געמאכט געווארען דער עיקר צווישען דער אוקראינישער אינטעליגענץ. עס זענען ארעסטירט געווארען א רייה פראפעסארען און אקאדעמיקער. אויף דער פראווינץ האט מען ארעסטירט 30 גייסטליכע.
אין קאנצענטראציאנס לאגער אונטער קיעוו זענען ארעסטירט הונדערטער פויערים פאר אנפאלען אויף סאוויעטישע בעאמטע.
גרויסע ארעסטען זענען דורכגעפיהרט געווארען אין קיעוו, זשיטאמיר און אומאן.

—=:§:=—

אינטערנאצ. פארלאמענטארישע האנדעלס-קאנפערענץ

בערלין, 25. (א.ט.או.). די ערשטע פלענארע פערזאמלונג פון דער אינטערנאציאנאלער פארלאמענטארישער האנדעלס-קאנפערענץ איז פארגעקומען דינסטאג נאכמיטאג אין רייכסטאג. די זיצונג האט בעהאנדעלט די פראגע וועגען ראציאנאליזירען די אינדוסטריע און דער בעטייליגונג פון די ארבייטער אין די רוחים. די בעריכטסגעבער פון עקזעקוטיווע האנאן און ברוכינג האבען פארגעשלאגען, אז די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע ראציאנאליזירונג פון דער אינדוסטריע זאלען קאנטראלירט ווערען דורכ'ן פארלאמענט און דורך די אינדוסטריעלע האנדעלס- און סאציאלע פערבאנדען און אלא לענדער און אויפ'ן צוזאמענפאהר פון 1930 י. אפגעבען בעריכטען.
דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען.
נאכדעם האט פרעזידענט קאראף פארגעלעזען די אנטווארט-טעלעגראם פון רייכסטאג-פרעזידענט לעבע אויף דער בעגריסונג. אין אווענד איז פארגעקומען אן אויפנאהמע אין דער האנדעלס-קאמער.

קריגס-געריכט אין רוסלאנד
פאר שפעקולאציע מיט לעבענס-פראדוקטען

קאוונא, 25 (א.ט.או.) פון מאסקווע ווערט מיטגעטיילט, אז די ג.פ.או. האט לעצטענס אנגעהויבען מאסען-ארעסטען צווישען סוחרים אונטער דער בעשולדיגונג, אז זיי טרייבען שפעקולאציע מיט לעבענסמיטלען. אין פערלויף פון צוויי טאג זענען אין מאסקווע ארעסטירט געווארען איבער 60 פערזאן. ביי די ארעסטירטע איז געפונען געווארען פיל פראדוקטען. די פראדוקטען זענען קאנפיסקירט געווארען.
אויך אין לענינגראד זענען דורכגעפיהרט געווארען ארעסטען. די ארעסטירטע ווערען געשטעלט פאר א קריגס-געריכט.

געוו. פרעמיער בארטעל
רעזיגנירט פון מאנדאט אלס סיים-דעפוטאט

ווארשא, 25. (טעלעפאניש).
דער געוו. פרעמיער בארטעל האט צוגעשיקט צום סיים-מארשאלעק א בריף, אין וועלכען ער איז מודיע, אז ער רעזיגנירט פון דעם מאנדאט אלס דעפוטאט פון סיים. עס רעזיגנירט פון מאנדאט אויך דער געוו. וויצע-מיניסטער יאראשינסקי.

20 מענשליכע קרבנות בעת אן אויטאבוס-קאטאסטראפע

מאדריד, 25 (ספ. טעל.) ביי וואלאדאליד איז אן אויטאבוס מיט 22 פערזאן אראפגעפאלען אין א גרוב. 20 פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען פון זיי 10 שווער.

אהוד בן-יהודה אין בערלין

בערלין, (יט"א) דא ווײלט איצט ה' אהוד בן-יהודה, דער זוהן פון פערשטארבענעם העברעאישען שריפטשטעלער און פילאלאג אליעזר בן-יהודה. ה' אהוד בן יהודה איז געקומען קיין בערלין מיט'ן צוועק צוצוגרייטען צום דרוק דעם גרויסען „מלון" (פילאלאגישען ווערטער-בוך) פון זיין פאטער, איבער וועלכען דער פערשטארבענער פילאלאג האט געארבייט עטליכע צעהנדליג יאהר. דער „מלון" ערשיינט אין 12 גרויסע בענדער אין בעריהמטען שפרינגען-פערלאג פראפ. לאנגעשאט. ביז איצט זענען ערשינען 7 בענדער. דער אכטער באנד ערשיינט אין די נאהענטסטע וואכען. דער ניינטער באנד וועט ערשיינען סוף 1930. ס'ווערט פאראויסגעזעהען, אז דער ווערטער בוך זאל זאגאר אויסוואקסען אין איבער 12 בענדער.
די גאנצע אויפלאגע ווערט געשטיצט דורך א „אליעזר בן-יהודה פאנד". צו די פראטעקטארען פון פאנד געהערען א גאנצע רייה געלעהרטע און בעקאנטע יודישע פערזענליכקייטען.

רדיפות אויף א העברעאישען פערלאג
פאר דרוקען קאריקאטורען אויף ענגלאנד

תל-אביב, 25 (י.ט.א.) די רעגירונג האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג צו שליסען דעם העברעאישען ביכער-פערלאג פאר ארויסגעבען א סאטירישען אלבום מיט די קאריקאטורען פון קינסטלער נחום גוטמאן, וועלכע שילדערן אין א בייסענדער פארם די ענגליש-אראבישע אידיליע בעת די לעצטע געשעהענישען אין לאנד.
דער אלבום איז קאנפיסקירט געווארען און די פערלעגער איטין און שושני זענען צוגעצויגען געווארען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

גרויסע שרפה אין סאלאניקי

סאלאניקי, 25. (ספ. טעל.) דא האט אויסגעבראכען א ריזיגע שרפה. אכציג הייזער און פופצעהן סחורה-מאגאזינען זענען אפגעברענט געווארען. הונדערטער מענשען זענען געבליבען אהן א ראך איבער'ן קאפ.

ציהונג פון דער 19-טער מלוכה-לאטעריע
5-טער קלאס—16-טער טאג

75,000 זל. — 147836.

3,000 זל. — 1761 15025 118631 122510 76213 178226.

2,000 זל. — 2458 20415 47180 57480 123071 137373 138709 152423 71231 77558 101999 106142 138923.

1,000 זל. — 13068 31135 49469 51271 70372 867 117718 152271 18058 36580 42477 50447 59852 63156 83356 85472 88190 107007 147126 154064 156494 175971.

600 זל. — 3482 50235 55707 58381 59334 239 69711 76144 588 85623 86326 87734 91512 103185 104291 887 114977 130976 131417 132834 143671 7684 16943 53928 56721 59239 62362 65112 67032 86914 118784 130255 137848 141807 151476 158947 169856 178428.

—=:§:=—

ביי דער שולע „יבנה" צעגעלניאנא 75, טעלעפאן 34-13
עקזיסטירט א מוסטערהאפטע
פרעבעל-שולע—גן-ילדים
וועלכע געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון א גענימער א"י-דיגער פרעבעליסטין און ווערט געפיהרט לויט דעם סיסטעם פון פראפעסאר מאנטעססארי.
איינשרייבונגען אין גן-ילדים ווי אויך אין דער שולע, ווערען אנגענומען נאך ביז צום 30-טען ד. ח.
די למודים הויבען זיך אן דעם 1-טען אקטאבער.
די קאנצעלאריע איז טעטיג פון 9—2 און פון 5—6 נאכמיטאג.
דער פרייז אין די פרעבעל-שולע — 12 זל. מאנאטליך.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43, טעל. 32-41
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל)
נעהמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אווענד.

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
פארמיטאגדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3.

דאס רעכטס-קאנסולטענטן-ביורא
פון געוועזענעם לאנג-יעהריגען רוטינירטען
געריכטס-סעקרעטאר
ב. מאן, פעטריקאווער 10
ערלעדיגט און שרייבט אלערליי ביטעס און קלאגעס
קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אין אלע שטעט פון פוילען, ווי אויך שטייער-אנגעלעגענהייטען.
א גוטער ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים.
B. Mann, Piotrkowska 10

פון האַנדעלס-געריכט

(וו) אויף דער לעצטער זיצונג פון האַנדעלס-געריכט איז ערקלערט געוואָרען פאַר באַנקראָט די פירמע „ברידער פרענקעל“, טריקאָטאַזשען-פאַבריק (קילינסקי 95). די אינהאַבער פון דער פירמע באָריס און דוד פרענקעל האָבען זיך מיט אַ צייט צוריק געווענדעט מיט אַ ביטע וועגען פראָלאָנגירען זיי די צאָהלונגען. דאָס געריכט האָט די ביטע אָפּגעוואָרפען.

דער באַנקראָט איז ערקלערט געוואָרען פון 21. סעפּטעמבער. די ברידער פרענקעל זענען אַרעסטירט געוואָרען.

•

אַבא ליבערמאַן (נאַרוטאָוויטש 38) איז דעם 12. סעפּטעמבער אַנערקענט געוואָרען פאַר באַנקראָט. דער פּראָצעס איז דאַן פאָרגעקומען אין זיין אַבוועזענהייט, איצט האָט ער זיך געווענדעט צום געריכט, אַז דער פסק זאָל געענדערט ווערען און דער באַנקראָט זאָל אויפגעהויבען ווערען.

דער פערטרעטער פון דער פירמע האָט אָנגעוויזען, אַז דער באַנקראָט איז אַנערקענט געוואָרען אויפ'ן סמך פון צוגעשטעלטע 4 פּראָטעסטירטע וועקסלען און 3 קוויטלעך. פון דעם זענען אַלע אַ חוץ איינעם געווען אויסגעשטעלטע פון דריטע לעבעדיגע פערזאָנען.

ווייטער האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעוויזען, אַז ליבערמאַן האָט אַ פערמעגען פון 40,000 זל. און אַז זיין פאַבריק האָט ער נישט פערקויפט, כדי צו באַהאַלטען זיך פאַר די בעלי-חובות נאָר זי איז פערקויפט געוואָרען אויף אַ ליציטאַציע אין זיין אַבוועזענהייט און ער האָט זי שפּעטער צוריק אָפּגעקויפט, געבענדיג אָפּטרעט-געלד די קויפער.

דאָס געריכט האָט דעם ערשטען אורטייל וועגען באַנקראָט מבטל געמאַכט.

•

דער פירמע מ. אַמזלער (נאָוואָמיעסקאַ 18) און דער פירמע יוסף וואָלהענדלער (פּיעטריקאָווער 24) איז פערלענגערט געוואָרען די פּראָלאָנגאַציע פון די צאָהלונגען נאָך אויף 3 חדשים.

א פערזאמלונג אין דער ציוניסט. ארגאניזאַציע

צו די שלשים פון די געשעהענישען אין ארץ-ישראל

מאנטאג אווענר איז אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארגעקומען א טרויער-פערזאמלונג צו'ם די שלשים פון די בלוטיגע געשעהענישען אין ארץ-ישראל. צו דער פערזאמלונג איז געקומען זעהר א גרויסער עולם. נאכ'ן עס ווי עס ווערט בעעהרט דער אנדענקען פון די העלדיש-אומגעקומענע פיאנערען אין ארץ-ישראל וואס זענען געפאלען פערטיידיגענדיג דעם יודישען כבוד און די נאציאנאלע היים האט א לענגערע רעדע רעפ. דר. ראזענבלאט. ער רעדט ברייט ארום די סיבות וואס האבען געבראכט צו די בלוטיגע געשעהענישען, שילדערט די פאליטישע סיטואציע אין ארץ-ישראל, די אראביש-יודישע בעציהונגען און דאס אראבישע פראבלעם אין איינעם בכלל, די באציהונג פון דער מאנדאט-מאכט און פון דער ארטיגער ארץ-ישראל-אדמיניסטראציע און קומט צום אויספיהר, אז די אראבישע בעוועגונג איז הויפטזעכליך געווענדעט געגען דער בריטישע-מאכט און אז די אנפאלען זענען אינספירירט געווארען דורך א פאר אראבישע רעדעל-פיהרער, דאגעגען דאס אראבישע פאלק איז פרידליך געשטימט און עס איז דרוא א מעגליכקייט פון א פערשטענדיגונג. דער רעדנער שטעלט זיך בעזונדערס אפ אויף די ציוניסטישע פאליטיק אין ארץ-ישראל פאר די לעצטע יאהרען און בעהויפטעט אז ביי די געגעבענע בעדינגונגען האט די פאליטיק נישט געקענט זיין קיין אנדערע. רעפ. דר. ראזענבלאט פערענדיגט און דריקט אויס די האפנונג אז דאס אומשולדיג פערגאסענע בלוט אויף דעם מזבח פון דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג וועט נישט זיין אומזיסט, אז עס מוז קומען צו א פערשטארקונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג און צו א פערגרעסערונג פון אונזערע אנשטרענגונגען אויף צו פערפילפאכען די יודישע אבערונגען אין ארץ-ישראל.

דער צווייטער רעדנער ה' מ. לימאן ווייזט אן אויף דער נויטווענדיגקייט פון פעראייניגטע אנשטרענגונגען פון גאנצען יודישען פאלק, אין דער איצטיגער אחריותפולער שעה און רופט די פערשידענע גרופען אויפצוהערען אינט מיט די פארטיי-חשבונות און שאפען א געמיינזאמען פראנט כדי צו פערטיידיגען און ווייטער אויסצובויען יודישע פאזיציעס אין ארץ-ישראל.

קאמף געגען בלוט-פערגיפטונג

ספּעציעלע זיצונג אין דער געזונד-הייטס-אפטיילונג

(–) אינטערין פאַרזיץ פון ד"ר סטאַניסלאַוו סקאַלסקי, שעף פון דער געזונדהייטס-אָפּטיילונג אין דער וואָיעוואָדזטווע איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגען קאַמף מיט די בלוט-פערגיפטונגען בעת די געבורטען.

אין דעם לויפענדען יאָהר זענען אין לאָדז פּערגאָסטירט געוואָרען צוויי מאָל אַזויפיל פאַלען פון קימפּעט-פיבער ווי אין וואַרשאַ. הגם לאָדז האָט צוויי מאָל וועניגער איינוואוינער ווי וואַרשאַ.

דער קימפּעט-פיבער ענדיגט זיך אין 15 – 20 פּראָצענט מיט טויט. דער קאַמף מיט דער צרה איז צוליב דעם זעהר אַקטועל און נויטיג.

דער קימפּעט פיבער נעמט זיך אין גרעסטען טייל פון די נישט-ערלויבטע אָפּעראַציעס.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען אונטערצונעהמען אַ אַקציע מיט'ן אָנטייל פון דער פּראָקוראַטור, געריכטס-מאַכט, אדמיניסטראַציע און דאָקטוירים, כדי צו בעקעמפען דעם קימפּעט-פיבער.

האלט ריין אייערע הייזער און הויפען

(מ) די פּרעסע-אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט טיילט אונז מיט: די סאַניטאַרע אויפזעהער האָבען נישט קיין עקזעקוציע-רעכט. דאַגעגען ווען זיי שטעלען פעסט אויף די הויפען אונאָרדנונגען און אונרייניקייט שטעלען זיי צוזאַמען פּראָטאָקאָלען, וועלכע ווערען איבערגעשיקט צו דער שטעטישער סטאַראָסטווע. אויב נאָך אַ צווייטער קאָנטראָלע ווערען די פעהלערן נישט אויסגעבעסערט, ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ צווייטער פּראָטאָקאָל, וואָס ווערט איבערגעשיקט צו דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

Dr. med. J. MAKOWSKI
קינדער-קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
CEGIELNIANA 8, tel. 50-02
עמפּפענגט פון 4–6 נאָכמ.

מאגיסטראט פערלאנגט אדורכצופיהרען אונטערערדישע דראַטען

בשעתו האָבען מיר געמאָלדען, אַז דער מאַגיסטראַט האָט ביים שליסען דעם אָפּמאַך מיט דער טעלעפאָן-געזעלשאַפט, עלעקטראָוויניע א. ד. גל. אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, לויט וועלכען די געזעלשאַפטען האָבען זיך פערפליכטעט מיט דער צייט צו פערטוישען די נעץ פון די לופט-דראָטען אויף אונטערערדישע דראָטען.

דערווייל האָט זיך דער מאַגיסטראַט די טעג דערוואוסט, אַז די דירעקציע פון די צופאָהר-טראַמוואַיען האָט אויפ'ן גרונד פון אַנ'אַלטער רוסישער קאָנצעסיע בעקומען ביים קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום, וועלכעס איז וועניג בעקאַנט מיט די לאָדזער ענינים, אַנ'ערלויבניש צו ציהען נייע דראָטען אויף זגערזשער און אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַסען, וועלכע דאַרפען צושטעלען עלעקטרישע קראַפט די צופאָהר-טראַמווייען.

דער מאַגיסטראַט האָט צוליב דעם צוגעשיקט אַ בריף צו דער צופאָהר-טראַמוויי-דירעקציע מיט אַ פאָרשלאַג אַדורכצופירען אונטערערדישע דראָטען.

צום קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום האָט דער מאַגיסטראַט אַרויסגעשיקט אַ פּראָטעסט, הלמאי דאָס מיניסטעריום פערשטענדיגט זיך נישט מיט'ן מאַגיסטראַט וועגען ענינים, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט דער שטאָט לאָדז.

מען ארבייט ענערגיש ביים אספאלטירען

(2) היינט ווערט פערענדיגט דאָס אַספאַלטירען אויף פּיעטריקאָווער דעם אָפּשניט פון אַנדזשעיאַ ביז דער גאַס פון 6 שיערפּיען. די זייט גאַס ווערט איבערגעגעבען ווערען פאַר דער באַוועגונג אין די צווייטע העלפט ווערט אָפּגעשלאָגען ווערען און מ'וועט אָנהויבען אַראָפּרייסען דעם איצטיגען ברוק.

שטרייק פון וואַליזען-אַרבייטער

(–) נעכטען האָבען אין לאָדז פּערשטרייקט 50 וואַליזען-אַרבייטער. זיי פאָדערן 25 און 35 פּראָצ. הוספה צו די איצטיגע לוינען. מיט'ן שטרייק פיהרט אָן דער לעדער אַרבייטער-פעראיין (נאַרוטאָוויטש 50).

פאר ארץ-ישראל

אין דער חבֿיה „מחזיקי חולים“ איז דורך די ה"ה י. לאַסקער און ד. יאַמניק געזאַמעלט געוואָרען פאַר די נעליטענע אין א"י 88 זל. מיט 50 גר. פון די פאָלגענדע פערזאָנען:

שווירגאַווסקי, מאַדזיעווסקי, לייפּער, קניזשניק, מעקלער, באַרנשטיין, מילער, שיין, ראָזענבאַום, פריידענרייך, פיינער, אַפּעלבלאַט, לייזעראָוויטש, ראָזענפאַרב, קאַרמיאַל, גראָסמאַן, העכט, גרינשפּאַן, קאַצענעלענבאָגען, פייערמאַן. וויינבערג, מיכאַלעוויטש, טשאַרנאַ, טיפענבאַך, געלבאַרט, בערלינער, שעהנטהאַל, גאַווריליק, פעלדבלום, ליפּאָוויטש, מעקלער, לעווקאָוויטש, קויפמאַן, נייהויז, פוקס פרידמאַן, יאַמניק.

דאָס געלד איז דורכ'ן „נייעם פאָלקסבלאַט“ איבערגעגעבען אין הילפס-פאָנד פאַר די א"י-געליטענע.

פערענדיגט דער שטרייק ביי די טריקאָ-וועש-נייהער

נאָך אַ 5-טאָגיגען שטרייק זענען די טריקאָ-וועש-נייהער כאַלופּניקעס צוגעטרעטען צו דער אַרבייט, צוו. אַנד. אויף פאָלגענדע בעדינגונגען: 1) אויסצאָהלען נאָר אין מזומן; 2) אָפּרעכנען העכסטענס יעדע צוויי וואָכען און 3) צונעמען און אָפּזאָגען כאַלופּניקעס נאָר דורך דער פערמיטלונג פון האַנדווערקער-פעראיין (אָגראָדאָוואַ 9).

אַ טראַמוואַי-קאַטאַסטראָפע

(–) נעכטען אין אָווענד איז אויף דער טראַמוואַי-ליניע זגערזש—אַזאָרקאָוו פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע. דער טראַמוואַי-וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון לאָדז, איז ביי דער טראַמוואַי-סטאַציע עמיליאַ אַרויפגעפאָהרען אויף אַ פיהר. די פוהר איז צושמעטערט געוואָרען, דאָס פערד איז שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען און דער פירמאַן וולאַדיסלאַוו לוטשאַק פון דאָרף זשימנאַ וואָדאַ איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון וואַגען און פערוואונדעט אין קאָפּ און אין ברוסטקאַסטען. מ'האָט איהם אָפּגעפיהרט אין זגערזשער שטעטישען שפּיטאָל.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) פּאַוולאָווסקי (פּיעטריקאָווער 307), האַמבורג (גלובנאַ 50), גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטש 4), שיטקעוויטש (קאָפּערניק 26), כאַרעמזאַ (פּאָמאָרסקאַ 10), פּאָטאַש (פּלאַץ-קאָשטשעלני 10).

קאלעקטיווע פארלעזונג וועגען די פאלעסטינע-געשעהענישען

שבת פריה וועט אין פילהאַרמאָניע פאָרקומען אַ קאָלעקטיווע פאָרלעזונג וועגען דער בעציהונג פון „בונד“ און „רויטע“ צו די פּאַלעסטינע-געשעהענישען.

רעפערירען וועלען ראַטמאַן נ. בוקסבוים און יוסף ראָזען פון וואַרשע.

„לאָדזער יודישע טעאַטער סטודיע“

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען געפיהרט געוואָרען צווישען די דראַמ. קרייזען „שטרעבענדע צו קונסט“ מיט דער יודישע אַרבייטער-בינע“ אין לאָדז, איז ענדליך געקומען צו אַ פעראייניגונג פון ביידע קרייזען א. נ. „לאָדזער יודישע טעאַטער סטודיע“ די א. ד. פ ראייניגטע טעאַטער-סטודיע איז אַריינגעטרעטען אַלס מיטגלידער אין דער געז. „הזמיר“.

די „לאָדזער יודישע טעאַטער סטודיע“ האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פיהרען אַ ברייטע אַרביים אויפ'ן דראַמ. געביט און צו דעם צוועק ווערען צוגעצויגען אַ רייהע פּערזענליכקייטען אויפ'ן ליטעראַרישען און טעאַטער-געביט.

צווישען דעם רייכען ליטעראַרישען רעפּערטואַר, וואָס די טעאַטער-סטודיע וועט דעם סעזאָן אויפפיהרען, געפינט זיך לייוויקס „שאָפ“ אונטער רעזשי פון יצחק ראָזענבלאַט.

צו דעם ווערק, ווערען געמאָלען אייגענע דעקאָראַציעס לויט'ן פּראָיעקט פון אויטאָריטעטען-מאָלער.

עס ווערען אויך אָרגאַניזירט אַ רייהע ליטעראַרישע אָוועגטער, וועלכע וועלען בקרוב פאָרקומען אין זאַל פון „הזמיר“.

פּרובען קומען פאָר יעדען מאָנטאָג, מיטוואָך, פרייטאָג און שבת אין לאָקאַל פון „הזמיר“.

אלוועלטליכע קאנפערענץ פאר ארץ-ישראל אויפבוי

פארשלאג פון יודיש-אמעריקאנישען קאנגרעס

ניו-יאָרק, 25. (יט"א טעלעגראַפיש).

דא קומט פאר דער צוזאַמענפאַהר פון יודיש-אמעריקאנישען קאנגרעס. עס נעהמען אנטייל 250 דעלעגאטען. ס'איז בעשלאסען געווארען צו אונטערהאנדלען מיט דער יודישער אגענץ וועגען צונויפרופען אנ'אלוועלטליכע קאנפערענץ פאר ארץ-ישראל-אויפבוי. די קאנפערענץ זאל פארקומען אין ירושלים.

33 יודען בעפרייט פון תפיסה

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראפיש).

היינט נאכמיטאג זענען בעפרייט געווארען פון ארעסט 33 יודען, וואס זענען בשעתו ארעסטירט געווארען אין די ראטשילד-מיהלען.

אנ'אראבישער שייך געשמידט אין קייטען

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

דער שייך טאלאבי פון חברון איז א געשמידטער אין קייטען געבראכט געווארען אין דער הויפט תפיסה קיין ירושלים. דער העכסטער מוזולמענישער ראט מאכט בעמיהונגען, אז מ'זאל איהם בעפרייען אויף קויציע.

זיי האבען א ברירה...

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

די אראבער פון יפו האבען בעשלאסען נישט צו בענוצען קיין עלעקטרי פון דער רוטענבערג-סטאציע.

היימלאזע צוריק אין בית-שאן

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

דרייסיג יודישע משפחות האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין בית שאן.

פאר אקטיוו בעליידיגען אנ'אראבישען בעאמטען

1 פונט שטראף

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

א יודישער סוחר אין יפו איז בעשטראפט געווארען מיט 1 פונט שטראף און 3 פעגם עהרען-ענטשולדיגונג פאר בעליידיגען אנ'אראבישען בעאמטען. דער ענין שטעלט זיך אזוי פאר: דער אראבישער בעאמטער איז אריינגעקומען צו דעם סוחר און געהעצט און אגיטירט די אראבישע ארבייטער, אז זיי זאלען באיקאטירען יודען. דער יודישער סוחר האט דעם בעאמטען פערשטעהט זיך, ארויסגעווארפען. דערפאר האט דער יוד בעקומען די שטראף.

קעניג הוסיין צוריק אין באגדאד

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

דער געוו. קעניג הוסיין פון העדזשאס האט בעקומען די ערלויבניש זיך צוריק אומצוקעהרען קיין באגדאד.

אויפנאהמע פאר אויסלענדישע קארעספאנדענטען

אין דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

ירושלים, 25. (יט"א טעלעגראפיש).

די יודישע טעלעגראפען-אגענטור האט איינגעארדענט אנ'אויפנאהמע פאר די אויסלענדישע קארעספאנדענטען וואס געפינען זיך אין ארץ-ישראל. ס'זענען אנוועזענד געווען אמעריקאנישע, ענגלישע און דייטשע זשורנאליסטען. דעם פארזיץ האט געפיהרט קאלאנעל קיש.

ביי׳ם טויטען-קערפער פון דערמארדעטען האט מען געכאפט דעם מערדער

(2) מיט איניגע טעג צוריק האבען מיר גע־מאלדען וועגען מארד פון דעם 26־יעהריגען שא־פער בראניסלאוו סיבילסקי אין טאנג־זאל אויף זגערזשער גאס.

באלד נאכ׳ן מארד האט מען ארעסטירט דריי פערזאן, וועלכע מען האט חושד געווען אין מארד. בעת דער אויספארשונג האט זיך אבער ארויסגע־זען, אז אלע דריי זענען אומשולדיג און מען האט זיי בעפרייט.

דערווייל האט מען דעם טויטען קערפער פון סיבילסקי איבערגעפיהרט אין פראזעקטא יום. די אויספארשונגס־מאכט האלט, אז דעם פערברעכער ציהט צום ארט פון זיין פערברעכען, אדער צום קערפער פון זיין קרבן, האט מען אזעקגעשטעלט ביים פראזעקטאריום אגענטן.

נעכטען האט דער אגענט בעמערקט עפעס א פערזאן, וועלכער האט פאר׳ן טויטען־קערפער פון סיבילסקי זיך פערשטעלט די אויגען מיט די הענד און אנגעהויבען זיך ארויסצורוקען אונטערווייל׳עכטס פונ׳ם טויטען־שטיבעל.

דער אגענט האט דעם פערזאן געהייסען זיך לעגי־טימירען, נאר יענער, אנשטאט אנ׳צוטפער, האט גענומען לויפען אין דער ריכטונג פון לאגקאוואד נאס און געפרובט אריבערשפרינגען דורכ׳ן פלויט פון בעניכס פאבריק, דארט האט מען איהם אבער פערהאלטען.

אין אויספארשונגס־אמט האט זיך דער ארעס־טירטער פארגעשטעלט אלס דער 24־יעהריגער יאן שיניארסקי, ביוראליסט פון זגערזשער 57. ער האט זיך מודה געווען אין פערברעכען, ערקלע־ט, אז ער איז דאס פערברעכען בעגאנגען אין שכור׳ען און שטארק רענערוווירטען צושטאנד. ער האט זיך נישט געוואלט מעלדען אלס מערדער, כדי נישט אנצוטון יסורים זיינע עלטערען און נאהענטע.

די ארויסגערופענע קרובים האבען אויך פעסט־געשטעלט די פערזענליכקייט פון שיניארסקין, וועל־כער איז איבערגעגעבען געווארען אין מאכט פונם אויספארשונגס־אמט.

איבערשרייבען די פירמע אויפ׳ן ווייב׳ס נאמען, העלפט אויך נישט

די האנדעלס-אפטיילונג ביים קרייז-געריכט האט נעכטען בעהאנדעלט א זעהר אינטערעסאנ־טען פראצעס, וועלכער האט אויך א פרינציפיעלע בעדייטונג.

דאס האנדעלס-געריכט האט בשעתו ארויס־געגעבען א רייה „אורטיילען" אויף א געוויסען יאן גומאווסקי (פיעטרקאווער 119) הורט-טאבאק־לאגער.

ביז די קרעדיטארען האבען איבערגעגעבען דעם קאמארניק אדורכצופיהרען די אורטיילען האט גומאווסקי זיך ענטזאגט פון זיין קאנצעסיע און זיין פרוי, טעקלא, האט אויסגעקויפט א קאנ־צעסיע אויף איהר נאמען און זיך פערעגיסטרירט אין האנדעלס-געריכט.

די קרעדיטארען פון גומאווסקי׳ן האבען איהם דאן ערקלערט פאר באנקראט און איבער־געגעבען דעם קאמארניק אפצושרייבען דעם לאגער סחורה, וועלכער געפינט זיך אויף פיעטרקאווער 119 אונטער דער פירמע גומאווטקא:

די פרוי גומאווסקא האט פראטעסטירט און איינגעקלאגט דעם קאמארניק פאר נישט געזעצ־ליכען אפשרייבען איהר פערמעגען און דאס אפעלאציעס-געריכט האט ווירקליך פעראורטיילט די האנדלונג פון דעם קאמארניק.

די קרעדיטארען פון יאן גומאווסקי האבען דאן, דורכ׳ן אדוואקאט קרוקאווסקי, אנגעקלאגט אויף באנקראט אויך די פירמע „טעקלא גו־מאווסקא".

נעכטען איז פארגעקומען דער פראצעס. אדוואקאט קרוקאווסקי האט דערוויזען, אז די פירמע געפינט זיך אין דעמזעלבען לאקאל, מיט דערזעלבער סחורה; די פירמע יאן גומאווסקי איז נישט אויסגעשטראכען פונ׳ם האנדעלס-רע־גיסטער, און די מעשה מיט דעם אויסקויפען די קאנצעסיע אויף דער פרוי׳ס נאמען איז איינפאך א שפיצעל, א פיקציע.

דאס געריכט האט מסכים געווען מיט די אויספיהרונגען פונ׳ם אדוואקאט קרוקאווסקי און ערקלערט פאר באנקראט אויך די פירמע „טעקלא גומאווסקא".

א בעריכט פון דער 2-טער כנסי׳-גדולה

אין ענגלישען זאל איז איינגעארדענט גע־ווארען דורך פא״י א בעריכטס-מיטינג פון דער 2-טער כנסי׳-גדולה. ביים עפענען די פערזאמלונג דערמאהנט דער פארזיצער, דעלעגאט משה באנדע, די אין א״י געפאלענע, וואס זענען אומגעקומען אויף קדוש השם, די חברונ׳ער קדושים, ער זאגט א פאר ריהרענדע ווערטער, און דערמאנט דאס עס ווערט היינט שלושים פון זייער פטירה. ער בעט אלע פערזאמעלטע זיך אויפצושטעלען פון די ערטער, און דערמיט צו בעעהרען זייער אנדענקען. אלע פערזאמעלטע שטעלען זיך אויף, ער גיט דאן א קורצען איבערבליק איבער איניגע בעשלוסען פון די כנסי׳-גדולה.

מיט לענגערע בעריכטען טרעטען ארויס די דעלעגאטען: רעד. פריעדענזאן, יעקב בערלינער, און משה וואציארז.

עס ווערט דאן פארגעלייענט א בעגריסונגס־בריף פון סאקאלאווער רבי, וועלכער איז גראד אין לאדז.

צום סוף ווערט אנגענומען פאלגענדע רעזא־לוציעס: 1) די בעריכטס-פערזאמלונג פון דער 2-טער כנסי׳-גדולה ערקלערט זיך בערייט מיט אלע כחות צוצוהעלפען צום אויספיהרען די בע־שלוסען פון די כנסי׳-גדולה און 2) די פערזאמלונג נעהמט אויף מיט פולער צושטימונג און אנערקע־נונג דעם בעשלוס, וואס די כנסי׳ האט אנגענומען בנוגע דער „יודישער אגענץ". די פערזאמלונג רופט די ניי-געוועהלטע לייטענדע ארגאנען פון דער אלוועלטליכער „אגודה" ווייטער צו ארבייטען אין דער ריכטונג און נישט אפטרעטען פון די יהודות-פרינציפען.

DR. MED.
A. URYSON
אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.
Konstantynowska 20, telef.35-85.

קליינער פעליעטאן

אז׳ס׳פאלט

— צ׳פרעגט מיך, וואס מ׳זעהט מיך אזוי זעל־טען — זאג איך:

ס׳איז נישט קיין חידוש, וואס מ׳זעהט זעל־טען! מעהר חידוש איז, וואס מ׳זעהט נאך בכלל און אין אלגעמיין יאקאש אויס! איך קאן א סך יודען, וואס קוקען בעזרת השם יתברך אזוי אויס אין דר׳ערד, אז מ׳זעהט זיי שוין כלל נישט, און ווען כ׳הער זיי אליין נישט ארויסרעדען דעם הוי־כען שמע-ישראל, וואלט איך גארנישט געוואוסט, אז זיי דאווענען נאך...

דאס איז ראשית.

והשנית, זעהט מען מיך זעלטען, ווארום כ׳האב מיר, לא עלינו, — און אויף די ארבעטער געזאגט, — פערשאפען אדטשיסקעס אויפ׳ן גאנצען קערפער, איז אז כ׳לאז מיך גיין א גאנג — קאן איך פשוט נישט גיין...

ס׳איז די מעשה אז׳ס׳פאלט, וואס מען טוט אצינד בעשמירען און בעקלעבען די פעטריקאווער שטראסע.

מען האלט אין איין האקען און בראקען, און טראגען און שלעפען, און אז כ׳בין נאך נישט אינ־גאנצען צו הורג׳ט מיט גאנץ לאדז, איז עס פשוטע א נס מן השמים, א גליקליכער טראף, און מען בדויך בלי-נדר צו בענשען גומל, וואס מען פטר׳ט אפ בלויז מיט אדטשיסקעס...

אז׳ס׳פאלט!

אז׳ס׳פאלט, פערשטעהען זי מיך! אז מען מאכט אין דער גאס אז׳ס׳פאלט פון אזא געמישעכץ פון קאשע מיט קאזע-מילעך קאן דען גוט זיין!

ס׳קאן נישט גוט זיין! איך פערשטיי נאך, אז מען מאכט א כאדניק, ווי אין די הייליגע ספרים שטייט פון פימפסענהאלץ אדער פון קיזעלשטיין, אבער אז מ׳גייט לכתחילה אז׳ס׳פאלטירען, מוז מען פאלען אין בריכען זיך האלז און געניק.

דעריבער טאקיס האלט מען דאך — זינט איך הער און געדענק — אין איין איבערניטשע־ווען אונזער שטאט בחומר ובלבנים, און —

קעגען דעם, וואס איהר בעקומט א צעטע־לע פון די „באנק פאלסקי" אויף צאהלען א הינ־דערטער וועקסעלע, טא האט׳ס קי־ן עגבת נפש נישט... די „באנק פאלסקי" וועט, חלילה, צוליב אייך נישט גיין חלילה, באנקראט, ווען איהר וועט אפילו נישט לויפען צאהלען...

ערשטענס, פערשטעה איך, אז איהר האט נישט די פאר גילדען, און צווייטענס איז דאך אזא יוד, ווי איהר נישט מחוייב איינצושטעלען דאס לעבען, און לאזען זיך גיין אויף א זיכערען... אספאלט.

ר׳ זאנוועלע

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאז.

פארן אפפאהרען נאך וויען-נור איינציגע פארשטעלונגען פון די בעליבטע ארטיסטען
וויערא קאניעווסקא, פאול ברייטמאן

פרייטאג, ד. 27-טען, שבת, ד. 28-טען, זונטאג, ד. 29-טען, 9 א זייגער אווענד
שעהנע אויפפיהרונג! נייע טענץ! העררליך געזאנג!
רייזעלע פון יאפאן
אין 3 אקטען פון סיגאל, מוזיק פון רומשינסקי.
הויפט-ראלען: „רייזעלע"—וויערא קאניעווסקא; „יאבערו"—פ. ברייטמאן.

שבת, 4 נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען די בעליבטע פיעסע אין לאדז
דאס חזנ׳דל
אין 3 אקטען פון שטיינבערג.
הויפט-ראלען: חזנד׳ל—וו. קאניעוו־סקא; „דוד" — פ. ברייטמאן

מאנטאג, דעם 30-טען, 9 אין אווענד צו פאפולערע פרייזען
די שטארק בע־ליבטע אויסגע־נומענע פיעסע
דאס פענסיאן-מיידעל
אין 3 אקטען פון שאר.
הויפט-ראלען: „לילי"—וויערא קאניעווסקא; „ארנשטיין"—פ. ברייטמאן.

ס׳נעמט אנטייל דאס גאנצע פערסאנאל. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.
אדמיניסטראטאר: מ. ארנוואלד. מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן.

„וואך פון פייערלעשער"

דער פייערלעשער ענין, וועלכער איז געווען אינגאנצען פערנאכלעסיגט בעת די אקופאציע האט זיך אין די לעצטע יאהרען זעהר ענטווי־קעלט.

כדי צו קאארדינירען די ארבייט און ענט־וויקלונג פון די פייערלעשער-קאמאנדעס האט מען ארגאניזירט פערבינדונגס פעראיינען פון די פייערלעשער ארגאניזאציעס פון עטליכע סטא־ראסטוועס אין שטעט.

לאדז פערמאגט אליין 16 זעהר גוט ארגא־ניזירטע אפטיילונגען פון פייערלעשער. צוליב דעם איז לאדז [ארויסגעטיילט אין א בעזונדערען טייל.

אויף שיענקיעוויטש 54 איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון אלע אפטיילונגען פון לאדזער פייערלעשער אפטיילונגען.

אין דער פערוואלטונג פון דעם ארגאניזיר־טען לאדזער קרייז-פעראיין זענען געוועהלט גע־ווארען ד״ר א. גראהמאן, י. וואלטשינסקי, י. יאזשעמבאווסקי, מעצענאס יאשיענסקי. סט. קאפ־טשינסקי, פ. פריטשעגאי, כ. בזשאזאווסקי.

אין דער רעווידיר-קאמיסיע זענען אריין די ה״ה: קראי, מילער, און גראסער, אלס קאנדי־דאטען: פאבישעווסקי און מאטיס.

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רע־דאקציע פון „נייעס פאלקסבלאט" אנטווארטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווע־רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן
יורידישע אפטיילונג
פון „נייעס פאלקסבלאט".
ביים דערלאנגען אנ׳אנפראגע אויף א יורידישע עצה, דארף מען צולעגען דעם קופאן מיט דער נאמען פון משה, וועלכע די אנפראגע ווערט ערלעדיגט. אויף אנפראגען אהן קופאן, וועט קיין אנטווארט נישט געגעבען ווערען.

9811. פראש.

יעדער מיליטער-פליכטיגער, וועלכער איז בע־פרייט געווארען פון אקטיווען דינסט, מוז צאהלען מיליטער-שטייער.

דער מיליטער-שטייער ווערט גענומען לויט צווייערליי אופנים.

קודם כל איז פארהאן א פעסטגעשטעלטע סו־מע פאר די בעזונדערע קאטעגאריעס בעפרייטע און פאר די, וועלכע צאהלען דאכאדאוע-שטייער איז נאך פארהאן א צוגאב-שטייער פראפארציאנעל צו דער סומע דאכאדאווע-שטייער.

בעפרייט פון דער פליכט צו צאהלען מילי־טער-שטייער זענען נאר נישט ארבייטס-פעהיגע אין אזעלכע, וועלכע געניסען פון עפענטליכער אונ־טערשטיצונג.

9812. בליישטיפט.

9813. ה. ק. פון ני-ציגעל.

וועגען אייערע ענינים דארפט איהר זיך פערה שטענדיגען מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3—4 נאכמיטאג מיטפערענגעריג די צייטונג.

9814. ל.

אנ׳אופגעלאשטש קאן ערקלערט ווערען נאר פאר האנדעלס און נישט קיין ציווילע חובות.

9815. פ. סטאווסקי.

אויב איהר זענט פאקטיש דער איינציגער שפייזער, מעגען אפילו די שוועסטערן שטאמען פון נישט קיין לעגאלע חתונה, קאנט איהר אויך זיי מאכען אנ׳אפיעקונסטווא.

9816 א געטרייער לעזער פון נארוטאווטשא.

בתי תפילות זענען בעפרייט פון דער פליכט צו צאהלען לאקאל-שטייער.

דאגעגען דאס נעבען-צימער, וואו עס וואוינט דער משמש קען שוין פון דער הנחה נישט געניסען.

9817. א שטענדיגער לעזער פון פראנציש־קאנער גאס 30.

א קאנטאר ווימיאני אונטערליגט נישט דעם דעקרעט וועגען לאקאטארען-שוץ, און דעריבער קאן דער אושאנד ראזיעמטשי נישט איינגרירען.

9818. א פעראינטערעסירטער פון לוטא־מיערסקא גאס.

די אפוועזענדע שוועסטער איז א מניעה פאר דער אפיעקינסטווא, ווייל זי איז אוועקגעפאהרען ערשט פאר א האלב יאהר צוריק. דער ארטיקעל 348 פון דער אויספיהר-פעראָרדנונג צום אוסטאוו וועגען אלגעמיינעם פליכט פון מיליטער-דינסט פאדערט אז וועלכע פאלען אנ׳אפוועזענהייט פון מינדעסטענס 3 יאהר און דוקא אין אויסלאנד, און אויך נור, ווען די פערזאן שיקט נישט צו פון דארט קיין אונטערשטיצונגען.

Dr. Robinzon
10 פיעטריקאווער 10. טעל. 31-86
צוריקגעקעהרט.

לאָדז, 26 סעפּטעמבער 1929

„נייער פאָלקסבלאַט“

לאָדז, 26 סעפּטעמבער 1929

א שטיין איז איינענעם גאָרטען

אין אַ טייל יודישע צייטונגען איז עטליכע מאָל אונטערגעשטראָכען געוואָרען דער פאַקט, וואָס אין די הייסע טעג, בעת די אַ״י־געשעהענישען, האָבען זיך אין לאַנד געפונען קוים אַ 3—4 מיטגלידער פון דער יודישער אַגענץ און די גאַנצע אַרבייט מיישב זיין זיך און אינטערווענירען איז אַריפּגעוואָרפען געוואָרען אויף די פּלייצעס פון די ציוניסטען. איין צייטונג, וואָס האָט בכלל אַ נעגאַטיווע בעציהונג צו דער אַגענץ, האָט זיך אין דעם פאַקט אנגעכאַפּט און לאָזט איהם פון מויל נישט אַרויס...

און דאָס — גראָד אין דער צייט, ווען ס׳ווערט בעקאַנט כמעט פון ענגלישע אָפיציעלע מקורים, אַז דער אנטייל פון דער פערפרייטערטער אַגענץ און די בעראַטונגען און אינטערווענצען האָט געמאַכט זעהר אַ גינסטיגען רושם אין די ענגלישע רעגירונגס־קרייזען.

ס׳איז דאָך קלאָר:

ראשית, איז די אַגענץ אַנ׳אויסדרוק, אויב דערווייל נאָך נישט פון כל ישראל, טאָ אַלענפאַלס שוין פון ברייטערע יודישע פאָלקסשיכטען, ווי עס איז די ציוניסטישע פּאַרטיי אַליין, און דער אַגענץ.

שנית, איז די אַגענץ נישט אַזוי ראַדיקאַל און עקסטרעם אין איהרע פאָדערונגען, ווי דער ציוניזם, און די ענגלישע רעגירונג האָט דעריבער אַלע שאַנסען צו מיינען, אַז מיט דער אַגענץ וועט איהר זיין גרינגער אַדורכצוקומען, ווי מיט די ציוניסטען.

דריטענס, איז דאָך דער ציוניזם פאַר די אַראַבער, ווי דאָס רויטע טיכעל פאַר׳ן צעווילדעוועטען אָקס און אפילו ביז דער שנוי־השם אַליין וואָלט געמילדערט די אַראַבישע בעציהונג צו דער יודישער זאַך און דאָס וואָלט פערגרינגערט אַז די עווענטועלע דירעקטע אונטערהאַנדלונגען צווישען יודען און אַראַבער, אַז די אויפגאַבע פון די ענגלענדער.

און די ציוניסטען אַליין האָבען דאָך, נאָך פאַר די טרויעריגע געשעהענישען, שוין גאַנץ גוט געפיהלט די נייטווענדיגקייט פון שאַפען די פערברייטערטערטע אַגענץ; אמת, צוליב גאַנץ אַנדערע מאָטיווען, אָבער געפיהלט און פערשטאַנען האָבען זיי עס דאָך פריהער און טיפער ווי אַנדערע.

צו וואָס זשע איצט באַטאַליזירען דעם בעגריף פון אָט דער אינסטיטוציע, וועלכע איז איצט זיכער דער שטאַרקסטער אַנקער פאַר די יודישע האָפענונגען אין ארץ־ישראל? צו וואָס איהר דיסקרעדיטירען אין אונזערע אייגענע און פרעמדע אויגען, אין דער צייט, ווען מיר דאַרפען איהר אויטאָריטעט אַרויסרוקען און באמת פערשטאַרקען!

מ׳קען בשום אופן נישט בעשולדיגען די אַגענץ טועמס אין אַפּגעלאָזענקייט. מ׳דאַרף געדענקען, אַז די אַגענץ געפינט זיך איצט פונקט אינם וועלכיגע צושטאַנד, ווי ס׳האָט זיך געפונען דער ציוניזם באַלד נאָכ׳ן ערשטען קאָנגרעס, ווען אַלע עסקנים זענען געווען וואָלאַנטערען און די קאָנגרעס־דעלעגאַטען האָבען געשמט מיט׳ן צונאָמען קאַרלסבאַד־דעלעגאַטען, ווייל דאָס זענען אַלין געווען יודען באַלעבאַטישע, וועלכע האָבען געמאַכט אַנ׳, אַזשטענער (אַפּגעטראַטען) אין באַזעל און זייער קור־נסיעה.

די אַגענץ־מיטגלידער האָבען אַלע חוץ א״י, אויך אייגענע געשעפטען, און בעת קיינער האָט זיך נישט געריכט אויפ׳ן מהאַ׳דיגען שטורעם, האָבען זיי דאָך נישט געקענט סתם אומויסט אַרומדרעהען זיך אין לאַנד.

דער עיקר אָבער האָבען דאָך די אַלע ציוניסטישע עסקנים, וואָס זענען יאָ געווען אויפ׳ן אָרט און האָבען יאָ אונטערגענומען די נויטיגע שריט, פאַקטיש פערטרעטען די אַגענץ, וועלכע איז שוין איצט דער אָפיציעלער קאָנטראַהענט פון ענגלאַנד. ס׳איז דאָך נישט קיין שום נפקא מינה, וועלכער טייל פון דער אַגענץ ס׳האָט געאַרבייט און גערעדט, צי דער ציוניסטישער, צי דער נאָך־ציוניסטישער און וועניגער פאַר אַלע זענען מיר פעראינטערעסירט צו אונטערשטרייכען און בעוואָרנען די כלומשטע פּיקציע פון דער אַגענץ אין אָט דעם וויכטיגען היסטאָרישען מאָמענט.

מעגליך, אַז ווען די נישט־ציוניסטישע אַגענץ־מיטגלידער וואָלטען זיך בעטייליגט אין אַ גרעסערער צאָהל, וואָלט דער טאָן פון די רעוואָלוציעס אפשר געווען אַ געלאַסענער; ס׳איז אויך מעגליך, אַז זיי וואָלטען פערכאַפּט געוואָרען מיט דער שטימונג פונ׳ם מאָמענט און וואָלטען אויך אנגעשלאָגען העכערע טענער. אַלענפאַלס דאַרפען די ציוניסטען זיין צופרידען, וואָס זיי האָבען די בעראַטונג מאַיאָריזירט און אַדורכגעזעצט זייערע פּאָסטולאַטען, צו וואָס אָבער וואַרפען אַ שטיין אין אייגענעם גאָרטען?

פון אָט דעם אַלעמען אָבער דאַרף מען אַרויסדרינגען, אַז די אַגענץ טאָר להבא נישט בלייבען אינם איצטיגען אומקלאָרען צושטאַנד; די „פערברייטערונג“, וואָס איז דערווייל פאַרגעקומען בלויז אויפ׳ן פּאַפּיר, מוז פערווירקליכט ווערען טאַקע אין לעבען.

די ווענען און מיטלען דערצו מוזען זוכען די ציוניסטען, וועלכע האָבען אין זייער האַנד דעם אַפּאַראַט און די איניציאַטיווע.

פ. ק.

די בלוטיגע טעג אין ארץ־ישראל

אויספיהרליכער בעריכט וועגען די געשעהענישען

(ספּ. פאַר׳ן „נייעם פאָלקסבלאַט“ דורך קפּא״י)

חיפה

מען האָט גענלויבט, אַז די איצטיגע געשעהענישען אין לאַנד וועלען אויסמיידען חיפה. אַזוי איז אויך געווען מיט 8 יאָהר צוריק ווען איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָבען געבושעוועט די ווילדע אַנפאַלען אויף יודען איז דאָך דער „שלום בית“ צווישען די יודען און אַראַבער אין חיפה נישט געשטערט געוואָרען, פיל סבות זענען דאָ אין דעם, אָבער די הויפּט סבה איז, וואָס חיפה איז אַ „וואַכעדיגע“ שטאָט, זי איז פאַר ביידע פעלקער כמעט אַ נייע האַנדעלס און פּאָרט שטאָט, זי איז אַ שטאָט אָן הייליגע קברים, און אַ רייכער פערגאַנגענהייט, זי איז די שטאָט פון הייגט און פון מאָרגען. דערצו איז די שטאָט אין איהרע אַלטע טיילען אַזוי געבויט אַז יודישקייט און אַראַבישקייט זענען צוזאַמענגעגאַסען, צוזאַמענגעפלאָכטען. איהר יסוד־בוים איז איהר פּאָרט מאָרגען מאַכען די שטאָט פאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט, דער יוד פון חיפה קען און רעדט אַראַביש און אויך דער אַראַבער פערשטעהט דאָ העברעאיש און ביידע פעלקער לעבען בשלום.

חיפה איז אויך די שטאָט, וואָס ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען וועבען די ערשטע קערנדלעך פון געמישטע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, דאָ איז אויך קאָנצענטרירט דער אינדוסטריעלער פּראָ־עטאַריאַט און ס׳האָט זיך געוואָלט גלויבען, אַז אויך היינטיגעס מאָל וועט חיפה אויסמיידען די נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונגען וועלכע זענען אַ קללה הן פאַר׳ן יודען הן פאַר׳ן אַראַבער.

אַזוי האָט זיך געדוכט, אָבער נישט אַזוי איז געווען. די שטאַרקסטע צוזאַמענשטויסונגען זענען היינטיגס מאָל גראָדע פאָרגעקומען אין חיפה. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט ווייזט אויס נישט געקאַרגט קיין מיה און צוגרייט און בעאַרבייט דעם באָדען צווישען די אַראַבער.

אַ צטווייזט זיך אַרויס ווי קלוג און ווייט זעהענדיג דער יודישער ישוב איז געווען וואָס ער האָט אין משך פון די לעצטע 5 יאָהר אויפגעבויט זיינע בעזונדער אָפּגעשלאָסענע קוואַרטאַלען אין חיפה, אויפ׳ן נידער פון באַרג כרמל. אָט דער קוואַרטאַל „הדר הכרמל“ האָט אָפּגעראַטעוועט דער יודישער בעפעלקערונג אין חיפה פון אַ גרויזאַמע שחיטה ווי אין חברון און צפת.

ווילט זיך איבערגעבען די געשעהענישען אין חיפה אין דער פאָרם פון אַ קורצען טאָג בוך אַ רויט־בלוטיגען טאָג־בוך.

23־טען אויגוסט.

ווי פון אונטער דער ערד האָבען זיך פּלוצלונג אין חיפה בעוויזען אַ רייהע אַראַבישע אַגיטאַטאָרען וועלכע האָבען צווישען דער אַראַבישער בעפעלקערונג פערשפּרייט פערשידענע מעשיות אויפ׳ן אמת׳ן מזרח שטייגער. אַ מעשה אַז יודען אין ירושלים האָבען געוואָרפען אַ באָמבע אין מעטשעט עומר און 400 אַראַבער זענען געטויט געוואָרען. וואָלט די ענגלישע אַדמיניסטראַציע וועלען אָפּהאַלטען די ווילדע העצע, וואָלט זי אַליין אָדער אונטער איהר השפּעה די נייטליכע און עלטסטע פון די אַראַבער ערקלערען, אַז די מעשה מיט געהרג׳עטע אַראַבער אין מעטשעט עומר איז אַנאויסגעטראַכטע. דאָס איז אָבער נישט געטון געוואָרען און די ווילדסטע אינסטינקטען ביי דער אַראַבישער מאַסע צו רויב און געוואַלד־טאַטען האָבען זיך צופלאַקערט. די אַראַבער האָבען אָפען גערופען צו בעפאַלען יודען היות די רעגירונג איז מיט די אַראַבער.

24־טען אויגוסט.

אַ יודישע דעלעגאַציע האָט בעזוכט דעם גאָווערנער פון שטאָט ה׳ מאַקלאַרן און איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אַגיטאַציע צווישען די אַראַבער. די דעלעגאַציע האָט גענומען ערט: פערבאָטען אין שטאָט דעמאָנסטראַציעס, פערזאַמלונגען און פערגרעסערען די כוחות פון דער פּאָליציי. דער גאָווערנער האָט בערוהיגט די יודען און פערשפּראָכען, אַז אין חיפה וועלען נישט פאָרקומען קיין צוזאַמענשטויסען און אַז די יודען קענען זיין רוהיג.

אין זעלבען אָוונד האָבען שטאַרקע גרופּען אַראַבער געפּרובט איבערפאַלען אַ רייהע יודישע הייזער אין חיפה, אָבער נאָך אומגעריכט פאַר די אַראַבער, האָבען זיך די אָנפאַלער אָנגעשטויסען אויף אַ מעכטיגע גוט אָרגאַניזירטע יודישע זעלבסטשוץ, וועלכע האָט מיט ווירדע אָפּגעשטויסען די ווילדע אָנפאַלען.

25־טען אויגוסט.

ווידער האָט זיך געשטעלט אַ יודישע דעלעגאַציע פאַר׳ן גאָווערנער, איהם איבערגעגעבען פּרטים וועגען די איבערפאַלען אויף יודען און צווישען אַנדערען געפאָדערט, צו מאָביליזירען די יודישע בעפרייטע כאַלוצים און אונטער דער אויפזיכט פון ענגלישע בעאַמטע זאָל זיי איבערגעגעבען ווערען די שמירה איבער דער שטאָט בכלל און איבער דער יודישער בעפעלקערונג בפרט. דער גאָווערנער האָט זיך איינגעשטימט מיט דער פאָדערונג און פאָרגעלעגט דער דעלעגאַציע צו פערשטענדיגען זיך מכוח דעם מיט׳ן גאָווערנער פון גאַנצען צפון־קרייז מיסטער פּולי. דאָ האָט אָבער די דעלעגאַציע געהאַט אַזאַ קבלת־פּנים אַז זיי האָבען שוין פערשטאַנען, אַז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע איז זיי פעראינטערעסירט אין די אויפטרייסלונגען. נאָך אַ לאַנגען שטיין אונטער׳ן טיר האָט מיסטער פּולי ערקלערט: די רעגירונג האָט גענוג כוחות און עס וויל נישט הערען קיין עצה פון יודען. ווען דער ראש פון דער דעלעגאַציע האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער יודישער קוואַרטאַל „הדר הכרמל“ געפינט זיך אָהן קיין פּאָליציי־אישען שוץ, האָט מיסטער פּולי ציניש ערקלערט: זאָרגט נישט, צוויי מינוט נאָכדעם, ווי דו וועסט געטויט ווערען וועל איך קומען אויפ׳ן פּלאַץ.

26־טען אויגוסט.

דעם גאַנצען טאָג איז געפיהרט געוואָרען עפענטליך די העצע, און 7 אָזענד האָבען די אַראַבער געמאַכט אַ פּרוב אַריינצורייסען זיך אין דעם יודישען קוואַרטאַל „הדר־הכרמל“. די יודישע זעלבסטשוץ האָט אָבער העלדיש פערטיידיגט די פּאָזיציעס און די אַראַבער האָבען נאָך שווערע פערלוסטען אָפּגעטרעטען. מצד די יודען זענען געווען איינגע שווער און לייכט פערוואונדעטע.

27־טען אויגוסט.

ווידער האָט אַ יודישע דעלעגאַציע בעזוכט דעם גאָווערנער און ווידער דער לאָקאַנישער ענטפער: „די רעגירונג האָט גענוג כוחות“! די אַראַבער ווידער איינזעהענדיג אַז אין יודישען קוואַרטאַל קענען זיי זיך נישט אַריינרייסען, האָבען זיי אָנגעהויבען אַ ווילדען איבערפאַל אין די געמישטע קוואַרטאַלען, אין די ענגע גאַסען און געסלעך. אַהער האָט די אָרגאַניזירטע און נישט לעגאַליזירטע יודישע זעלבסט־שוץ נישט געקאָנט דערגרייכען. דאָ האָבען „געהיט“ די אָרדנונג אַראַבישע פּאָליציסטען און פאַר זיי אין די אויגען זענען געמאַכט געוואָרען די איבערפאַלען. אָבער חיפה׳ער יודען זענען נישט קיין חברונ׳ער אָדער צפת׳ער יודען. זיי האָבען זיך מוטיק פערטיידיגט און זיך נישט געלאָזט אויסקוילען ווי שעפּסען.

אין דעם טאָג איז פאַר די אויגען פון דער פּאָליציי דערשאָסען געוואָרען אַנ׳אומבעוואָפענטער יודישער אַרבייטער דורכ׳ן אַראַבישען סיגאַרעטען־פאַבריקאַנט קראַמען. פאַר דער יודישער זעלבסטשוץ איז קלאָר געוואָרען אַז מען מוז די יודען קאָנצענטרירען אין דעם יודישען קוואַרטאַל „הדר־הכרמל“.

פאַר דעם טאָג האָבען זיך געפונען אין „הדר־הכרמל“ ביז 50 יודישע פערוואונדעטע, איינגע זעהר שווער און שטערבליך.

צוויי יודען זענען אין דעם טאָג אמוריות׳דיג צושניטען געוואָרען און געטויט געוואָרען אין די פעראָרפּענע געסלעך פון חיפה.

(המשך קומט).

די אנטי־יודישע עקסצעסען אין קאָוונאַ

אַלס סיבה פון וואָלדעמאַראַס׳עס דימיסיע

ריגע. דעם „פּרימאַרגן“ רעפּעשירט מען פון קאָוונאַ:

די הויפּט־סיבה פון וואָלדעמאַראַסעס דימיסיע איז געווען די חלוקי־דעות צווישען איהם און דעם אינערן־מיניסטער פּולקאָווניק מוסטייקוס, אויף וועלכען צד עס האָט זיך אויך געשטעלט דער פּרעזידענט סמעטאָנאַ. צווישען וואָלדעמאַראַס און מוסטייקיס זענען לעצטענס פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייהע פערזענליכע קאָנפליקטען, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז וואָלדעמאַראַס האָט שוין פּראָיעקטירט איהם פאַרצולייגען אַנ׳אַנדער פּאָסטען. די חלוקי־דעות צווישען וואָלדעמאַראַס און מוסטייקיס זענען טיילווייז ענטשטאַנען צוליב די אַנטי־יודישע עקסצעסען אין קאָוונער סלאָבאָדקע. ווי בעקאַנט, האָט וואָלדעמאַראַס לכתחילה נישט אונטערגענומען קיין שום שריט נעגען די פּאָגראָמשטשיקעס. וועגען די עקסצעסען האָבען אָבער אינטערווענירט נישט נאָר די ליטווישע יודען, נאָר אויך אמעריקאַנער רעלעגאַטען, און וואָלדעמאַראַס איז געצוואונגען געווען עפּעס צו טון. ער האָט מחמת דעם בעשלאָסען צו בעזייטיגען פון זיין פּאָסטען דעם דירעקטאָר פון בירגער־שוץ־דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן־מיניסטעריום סטאַשקעוויטש, וועלכער איז אַגב, בעת די געשעהענישען און אויך ביים אננעהמען פון דעם דאָזיגען בעשלוס געווען אין אורלויב. דער אינערן־מיניסטער מוסטייקיס איז אָבער דערמיט בשום אופן נישט מסכים געווען און נישט אונטערגעשריבען די פעראָרדנונג. מיט אַ קורצער צייט צוריק, בעת סטאַשקעוויטש האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויב, איז ער צוריק פערבליבען אויף זיין פּאָסטען, וועלכען ער פערנעהמט נאָך איצט. אַזוי אַרום איז וואָלדעמאַראַסעס פעראָרדנונג פערבליבען נישט דערפיהלט.

מוסטערן פון יודישע „לשנה טובה“־וואונשען

רעקאָמענדירט דורך די דייטשע טעלעגראַף־אַמטען

בערלין. (יט״אַ) די דייטשע רייכס־פּאָסט און די אינטערנאַציאָנאַלע ראַדיאָ־געזעלשאַפטען אין דייטשלאַנד האָבען איינגעפיהרט פון 1־טען ביז׳ן 15 אָקטאָבער ה. י. אַ ספּעציעלען ביליגערען מאַריף פאַר „לשנה־טובה“ דעפּעשען צו די יודישע יום־טובים. די דעפּעשען קענען געשיקט ווערען אין אַלע שפּראַכען. פאַר דער בעקוועמקייט פון די דעפּעשען־זענדער, האָט סיי די מלוכה׳שע, סיי די פּריוואַטע טעלעגראַפען־אַמטען אַרויסגעגעבען צו אָריענטאַציע אַ גאַנצע רייהע „לשנה־טובה“־מוסטערן אין פערשידענע שפּראַכען, צוו. אַנד. אויך אין יודיש און פּויליש. צווישען די יודישע „לשנה־טובה“־וואונשען געפונען זיך אויך פאָלגענדע, געשריבען מיט לאַטיינישע אותיות:

„מען זאָל דיך אנשראַבען פאַר אַ גליקליך יאָהר“. — „מען זאָל דיך אנשראַבען אין ספר־האַכאַים“. — „זאָל דיך דער אייבישטער בענשען מיט אַ מאַזעלדיג יאָהר“. — „זאָל דיר בעשערט זיין צו האָבען נאָך נאַכעס און פרייד אים קומענדען יאָר אין דיין באַל־הבאַיס“.

Dr. med. J. Lubicz

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער.

אייגענע פּראַצאָווניע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, ווי: הילצקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע פיס, גאָרסעטען א. ז. וו. עמפּפאַנגט פון 5—7 אָוו.

צוריקגעקעהרט.

יודישע רבנים אין טערקיי בעקומען יודען־פרעסערישע דראָהונגס־בריף

קאָנסטאַנטינאָפּאָל, (יט״אַ) דער רב הראשי (חכם באשא) פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל הרב חיים בעזשאַרנאַוו און אייניגע אַנדערע ראשי הקהל האָבען בעקומען יודען־פרעסערישע דראָהונגסבריף, אונטערגעשריבען דורך אַנ׳אַנאָנימער „אינטערנאַציאָנאַלער אַנטי־יודישער ליגע“, אין וועלכע עס ווערט צוו. אַנד. געזאָגט:

„איהר יודען זענט אַ פרעמדער עלעמענט איז אונזער לאַנד, אפילו אונזער שפּראַך האָט איהר זיך ביז איצט נישט אויסגעלערענט, איהר זענט טמא געוואָרען פון בלוט, וואָס איהר האָט פון אונז אויסגעצויגען. אוי און וועה אייך! פּונקט ווי מען האָט אייך פּאָגראָמירט אין ירושלים אַזוי וועלען מיר אייך טון אין טערקיי“...

איבערגענומען יתומים קיין קאַנאַדאַ

קאָוועל, (יט״א) אַ געוויסער קאַנאַדער געזעלשאַפטליכער טוער ה׳ גרינבלאַט האָט זיך געווענדעט צום היגען יתומים־קאָמיטעט, נאָך 4 יתומים־יונגלעך, וועלכע ער וויל מיטנעהמען מיט זיך אויף אַ פאַרמער־אַרבייט. נאָכ׳ן פעסטשטעלען די פּערזענליכקייט פון אויבענדערמאָנטען דורך דער צענטראַלע פאַר יתומים־פערזאָרגונג אין וואַרשע, איז דעם ה׳ גרינבלאַט איבערגעגעבען געוואָרען 2 יתומים פון קאָוועל און 2 פון מאַציעוו ביי קאָוועל).

—ioi—

ניי'ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

26	סעפטעמבער
דאָנערשטאג	זון-אויפגאַנג 5.06
כא	זון-אונטערגאַנג 5.56
אלול תרפ"ט	

פראָצעסע וועגען קאמוניזם

(—) אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג האבען מיר בקיצור מיטגעטיילט וועגען דעם פראָצעס וועלכער האט זיך דינסטאג אנגעהויבען אין דיגען קרייז־געריכט. ס'זענען געמשפט געוואָרען פינף יונגעלייט אונטער דער בעשולדיגונג אז זיי געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי. דער פראָצעס האט געדויערט דעם גאנצען דינסטאגדיגען טאג. אויפ'ן פראָצעס האט זיך קיינער פון די בעשולדיגטע נישט מודה געווען. אויף דער פראגע פון געריכט פאר וואס זיי האבען זיך מודה געווען בעת דער אויספארשונג האבען זיי ערקלערט, אז דאס איז געשעהען ווייל מ'האט זיי געשלאָגען.

דער אורטייל איז ארויסגעטראגען געוואָרען נעכטען האלב 12 א זייגער ביטאג. ס'זענען פערמשפט געוואָרען: פרידבערג אויף פינף יאהר; יאן גינטער — 4 יאהר; ווארשאוסקי און קרענגעל צו 2 יאהר און דער זוהן פון רעפּ־גרינבוים, כסמ־רענט אלי גרינבוים אויף אנדערהאלבען יאהר טורמע. די פערמשפטע גיבען אן אנ'אפעלאציע. גרינבוים ווערט בעפרייט אונטער קויציע פון 3000 זל., די איבריגע פערבלייבען אין ארעסט.

*

אויף דער בעשולדיגונגס־באנק אין קרייזגעריכט זענען נעכטען געזעסען דער 39־יעהריגער יצחק גארדין און 22־יעהריגער יהודה אריה ראזענבערג, ביידע בעשולדיגט אין געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי...

אין בעשולדיגונגס־אקט ווערט דערצעהלט, אז די אויספארשונגס־מאכט האט בעקומען קאנפידענציעלע אינפארמאציעס וועגען צוויי קאמוניסטישע טוער, וועלכע זענען ארויסגעשיקט געוואָרען פון ווארשעווער צענטראל־קאמיטעט קיין לאדז. דאס זענען י. גארדין אלס אינספעקטאר און ארגאניזאטאר און ראזענבערג אלס פארשטעהער פון דער קאמוניסטישער יוגענד.

ביידע בעשולדיגטע זענען זיך נישט מודה אין דער פארגעווארפענער שולד.

ראזענבערג דערצעהלט אז ער איז אין ווארשא אין 1925 פערמשפט געוואָרען אויף פיר יאהר תפיסה. פאר געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי. ער איז אפגעזעסען כמעט די גאנצע שטראף און איז בעפרייט געוואָרען דורך דער אמנעסטיע. נאכדעם האט ער אנגעהויבען זוכען ארבייט און געפונען אין לאדז א פאסטען אלס אינקאסענט פון נארעל־פעראיין.

דער בעשולדיגטער גארדין ערקלערט, אז אין לאדז האט ער זיך אויפגעהאלטען פון דער ווארשעווער פאליציי וועלכע האט איהם פערפאלגט צוליב דעם, האט ער זיך נישט אויסגעמאלדען. אין לאדז איז ער געווען אינגאנצען איינציגע טעג, נאך ער האט געכעכענט זיך צו בעזעצען אין לאדז איינגאנצען, ווייל ער איז א היגער געבוירענער, האט דא עלטערען, קרובים, ער איז דא אויפגעוואקסען.

דער בעשולדיגונגס־אקט ווארפט פאר גארדינען אז ער האט פאלשע פערזענליכע דאקומענטע: אין פאס שטעהט אז ער איז א לאדזער געבוירענער און פויליש אונטערטאן, די אויספארשונג אבער האט פעסטגעשטעלט, אז ער שטאמט פון רוזשאני, פאלעסיע, נעבען רוזינסק.

דער בעשולדיגטער גארדין ענטפערט דערויף, אז ער איז געבוירען אין לאדז, אז זיינע עלטערען וואוינען אין לאדז שוין כמעט פערציג יאהר און ער האט זיך צוליב דעם געפיהלט בערעכטיגט אנצוגעבען אלס פוילישער בירגער און לאדזער איינוואוינער. פון רוזשאני שטאמען זיינע עלטערען, אויסעלטערען: לויט די רוסישע געזעצען האט ער געדארפט זיין צוגעשריבען צו דער שטאט, וואו עס איז געבוירען געוואָרען דער פאטער — ער פיהלט זיך אבער קיין פאל נישט ווי קיין לעטישער אונטערטאן, נאר אלס פוילישער און לאדזער.

ווייטער ערקלערט דער בעשולדיגטער גארדין, אז צוריק מיט צוויי וואכען האט ער געהאט א פראצעס אין ווארשא, וואו ער איז אויך בעשולדיגט געוואָרען אין געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי און ער איז פון דער בעשולדיגונג בעפרייט געוואָרען.

דער בעשולדיגטער ערקלערט ווייטער, אז ער האט געארבייט אויפ'ן געביט פון קולטור און אויפקלערונג צווישען די ארבייטער־מאסען און דעריבער איז ער געווען בעקאנט צווישען די פארטייאָרגאניזאציעס. דערמיט ערקלערט ער אויך זיין קאנדידאטור אויף די ליסטעס אין סיים: נומער 5 און 13.

ביים בעשולדיגטען האט מען בעת דער רעוויזיע געפונען 750 זל. די רעפענדענטע ערקלערט אז די סומע געלד האט גארדין געהאט פאר פראפאגאנדע צוועקען.

גארדין ערקלערט, אז אלס זשורנאליסט, וועלכער האט מיטגעארבייט אין איניגע אמעריקאנער צייטונגען, אלס לעהרער פון דער ענגלישער שפראך און אלס איבערזעצער פון א רייהע ביכער האט ער געהאט איינענע אפשפארונגען.

ביים בעשולדיגטען ראזענבערג, וועלכער איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי, פונ'ם ערשטען מאמענט אן וואס ער איז געקומען קיין לאדז האט מען בעת דער רעוויזיע געפונען דאקומענטען און איינציגע פערבאטענע זשורנאלען.

ביידע בעשולדיגטע לייקענען, אז זיי וואלטען האבען צוזאמען געארבייט.

בעת דער געריכטס־פערהאנדלונג האט דער עדות ווינבערג, וועלכער איז געבראכט געוואָרען פון דער טורמע ערקלערט, אז די אלע בעשולדיגונגען געגען ראזענבערג'ן האט ביי איהם ארויסגעקלאפט מיט שלאגען די פאליציי. ער האט זיך איצט פון די אלע פריהערדיגע ערקלערונגען אפגעזאגט.

נאך די רעדעס פון פראקוראר און פערטיידיגער געהט דאס געריכט אוועק אויף א בעראטונג. דאס געריכט בעפרייט גארדינען פון דער בעשולדיגונג אין געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי מאטיווירענדיג דעם אורטייל מיט מאנגעל אין בעווייזען.

גארדין ווערט אבער פערמשפט אויף 4 חדשים טורמע פאר פעלשען א פערזענליכען דאקומענט. אזוי ווי עס ווערט גארדינען פערעכענט די פרעקווענץ־ארעסט ווערט ער באלד בעפרייט.

דער בעשולדיגטער ראזענבערג ווערט פערמשפט אויף פיער יאהר טורמע.

—=:8:=—

„הערשער פון דער נאכט" פאר'ן געריכט

א באנדע מערדער און רויבער

אין דריטען טאָג פון פראָצעס פון די „הערשער פון דער נאַכט" איז אויסגעהערט געוואָרען א גרופּע פון 30 עדות. די עדות זענען בעשטעהן פון די גאַליטענע און בערויבטע פויערים און פון פאָליציי־פונקציאָנערען, וועלכע האָבען געפיהרט די אויספאָרשונג וועגען די ענטדעקטע רויבערייען און גנבות.

אַמאינטערעסאַנטעסטען זענען געווען די ערקלעהרונגען פון טעאָדאָר סקאָווראָנעק, ביי וועמען די באַנדיטען האָבען אונטערגעצינדען די שייערען מיט תבואה. דורך אַ נס איז דאָס גאַנצע דאָרף וויִלקאָמיאַ נישט אַוועק מיט'ן רויך. די באַנדיטען קוקילאַ און שוּבערט האָבען פאַר דער דאָזיגער מלאכה בעקומען 20 זלאָטיס.

היינט קימט פאָר דער ווייטערדיגער עדות־פערהער.

געגנב'עט בלומען־טעפּ פון בית־עלמין

נעכטיגער פראָצעס פון די בלומען־גנבים

שוין א לענגערע צייט ווי די אדמיניסטראציע פון בית־החיים האט בעמערקט, אז פון די פערשידענע רייכע מצבות ווערען פערשווינדען כסדר בלומען־טעפּ.

עס איז דעריבער בעפוילען געוואָרען דעם וועכטער אברהם גאל, אז ער זאל שט־ענג אכטונג געבען אויף די מצבות, און זעהן דורכאויס די גנבים צו פערהאלטען. איינמאל. — דאס איז געווען אין 10־טען יוני — האט דער זעלבער אברהם גאל, ארומשפאצירענדיג דעם בית־החיים בעמערקט, ווי אויף איינעם פון די קברים זיצען זיך ברייט פערשוינען און טרינקען גאנץ געמיטליך בראנפען. עס האט געפרובט די חברה־לייט פערהאלטען אבער די האבען גענומען אנטלויפען.

אברהם גאל האט אלארמירט די איבריגע בעדינטע פון בית־החיים און איניגע פאליציאנטען פון 2־טען קאמיסאריאט.

די 4 שכורים האט מען אפגעפיהרט אין צוויי טען פאליציי־קאמיסאריאט.

נעבען דעם ארט, וואו די ליבאציע איז פארגעקומען האט מען טאקע געפונען עטליכע טעפּ מיט בלומען.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די חברה־לייט, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען אלס בוזינ וולאדיסלאוו, שעראדזקי יוזעף, מיצקעוויטש סטאניסלאוו און טאמאשעווסקי ראמאן האבען שוין ווירקליך א לענגערער צייט געגנבעט די טעפּ בלומען און זיי פערקויפט די בלומענפערקויפערינס אויף פריהייטס־פלאץ. נעכטען זענען די חברה־לייט געשטאנען פאר'ן שטעטישען ריכטער פאוולאווסקי וועלכער האט זיי פערמשפט צו 1 חודש יערען.

—=]0[=—

ווידער בעשווינדעלט א פאמיליע

ווי לייכט מען לאָזט זיך אָפּנאַרען צוליב אויסזיכטען אויף א „פּעקעל"

(—) צו א געוויסען ווישניעווסקי אויף דער 6־טער שערפּיען־גאס נומער 43, איז אריינגעקומען עפּעס א יונגערמאן און דערצעהלט, אז ער איז יענע וואך געקומען פון בעלגיען, וואו ווישניעווסקי האט צוויי טעכטער און האט געבראכט פון זיי א גרוס. אגב האט ער דערצעהלט, אז די טעכטער האבען ארויסגעשיקט אהיים דורך פאסט 100 פראנק, און עפּעס א פּעקעל דורך א היגער עקספּעדיציע קאנטאר. וועגען זיך האט דער יונגערמאן דערצעהלט, אז ער איז אהערגעקומען כדי שלום־צו־מאכען צווישען זיינע עלטערען וועלכע האלטען זיך ביי גט'ן. אזוי ווי ער איז א וואוילהאבענדער מענש, וועט ער זיי שוין איבערבעטען. אגב האט ער טאקע געוויזען, אז ער האט ביי זיך א טייסטער מיט טויזענד פראנק.

דעם פאר־פאלק ווישניעווסקי האט די מעשה אויסגעזעהען זעהר ריכטיג, ווייל זיי האבען טאקע נעכטען דערהאלטען פון זייערע טעכטער הונדערט פראנק. דער פאטער איז אוועק מיט'ן יונגענמאן אפצונעהמען דעם פּעקעל זאכען. כדי צו בעצאהלען פאר'ן טראנספארט האט דער יונגערמאן גענומען ביי ווישניעווסקי 1 זל. און צוואנציג פראנק (וויפיל יענער האט געהאט ביי זיך).

דער יונגערמאן האט זיך אפיצעל געזוימט אין א פאר מינוט ארום איז ער ארויס און ערקלערט ווישניעווסקי'ן אז ס'איז ווייניג געלד און ער וועט געהן אויסטוישען זיינעם א טויזענד פראנק־שיין, איז ווישניעווסקי געבליבען ווארטען און דער יונגערמאן איז אוועק אויסטוישען זיינע טויזענטער אויף קליין געלד.

דערווייל איז ער אוועק צו ווישניעווסקים פרוי און איהר געזאגט, אז דער אלטער ווארט און האט געבעטען די הונדערט פראנק וועלכע זי האט בעקומען פון פאסט. די פרוי איז גארנישט חושד געווען און האט איהם געגעבען די הונדערט פראנק. ווישניעווסקי האט געווארט א פאר שעה, ווען ער האט זיך אויפ'ן יונגענמאן נישט דערווארט איז ער אוועק אהיים און זיך דארט דערוואוסט וועגען דעם בעזוך און וועגען די הונדערט פראנק.

דאן ערשט האבען זיי פערשטאנען, אז זיי זענען געפאלען א קרבן פון א ראפינירטען אפערוסט.

קאמף געגען דער טיפוס־עפידעמיע

(מ) אין צוזאמענהאַנג מיט דער פערשטאַרקונג פון דער טיפוס עפּידעמיע ביי אונז אין שטאָט, האָט די געזונדהייטס־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט פאַרגענומען אַ רייהע מיטלען. ס'איז פערגרעסערט געוואָרען די צאָהל שפּיטאָל־בעטלעך פאַר טיפוס־קראַנקע. די סאַניטאַר־דאָקטוירים גיבען אָנווייזונגען ווי אַזוי צו בעגעהען זיך מיט'ן קראַנקען אין פאַלען ווען דער קראַנקער בלייבט אין דער היים. אויך דער אומגעבונג פון קראַנקען ווערט אָנגעוויזען ווי אַזוי זיך צו פיהרען. די דאָקטוירים דאַרפען שפּעטער קאָנטראָלירען אויב זייערע אָנווייזונגען ווערען אויסגעפיהרט. אין פאַל פון נישט אויספיהרען די אָנווייזונגען וועט מען בעשטראָפען ווערען אויפ'ן אַדמיניסטראַטיוון אופן.

נאָכ'ן געזונד ווערען ווערט אינ'ם הויז פונ'ם קראַנקען אַדורכגעפיהרט אַ דיזענפעקציע. ס'וועלען ווייטער פערטיילט פערהיטונגס־פיגולקעס בפרט פאַר די אַרומיגע פונ'ם קראַנקען.

ווייטער ווערען געמאַכט קאָנטראָלעס אין די ערטער וואו ס'ווערען פערקויפט לעבענסמיטעל־פּראָדוקטען (בעקערייען, יאַטקעס, רעסטאָראַציעס א. אַ. וו.)

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1911

(—) היינט ווערט אין לאָקאַל פונ'ם מיליטערישען אַמט, פּיעטרקאָווער 212, פאָרקומען די רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1911.

צו דער רעגיסטראַציע דאַרפען זיך מעלדען די געבוירענע אין יאָהר 1911, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פונ'ם 4 פּאָליציי קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליע־נעמען הויבען זיך אָן מיט די בוכשטאַבען

A B C D E F G

און די וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פונ'ם 11 פּאָליציי קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליע־נעמען הויבען זיך אָן מיט די בוכשטאַבען

K L Ł M N O P

מאָרגען דאַרפען זיך שטעלען צו דער רעגיסטראַציע די, געבוירענע אין יאָהר 1911, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פונ'ם 4 פּאָליציי קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליע־נעמען אויף די בוכשטאַבען

H Ch I J K L Ł

און די וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 11 קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליע־נעמען אויף די בוכשטאַבען

R S Sz T U W Z Ż

שטיצע פאַר אַרבייטסלאָזע

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך וועלען די דרינגענדע רעגירונגס־אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע פערלענגערט ווערען ביז'ן 31 אָקטאָבער פאַר די, וואָס זייערע אונטערשטיצונגען אין אַרבייטסלאָזען־פאָנד האָבען זיך אויסגעשעפּט.

בכלל איז די אַקציע פון דער רעגירונגס־שטיצע פערלענגערט געוואָרען ביז'ן 17 פעברואַר 1930.

פון אַרבייטס־געריכט

(—) די וועבער־אַרבייטערין אַדעלינאַ פולדע (וואָלטשאַנסקאַ 167) האָט געפאָדערט פון דער פירמע מאָריצי טוימאַן 109 זלאָטיס פאַר 15 טאָג אורלויב. דאָס געריכט האָט איהר צוגעמשפּט די געפאָדערטע סומע.

אויגעניאַ סקשיפּינסקאַ האָט געפאָדערט ביי דער פירמע שטורך (28 פולק 63) 130 זל. פאַר 14 טאָג קינדיגונג און 8 טאָג אורלויב. דאָס געריכט האָט איהר צוגעמשפּט 115 זל.

העלענאַ ווישנעווסקאַ האָט געפאָדערט ביי דער פירמע אידעלפיש (קאָפּערניקאַ 56) 211 זל. פאַר 14 טאָג קינדיגונג, 8 טאָג אורלויב און פאַר אויסגלייכען די לוין סטאַווקע. דאָס געריכט האָט איהר צוגעמשפּט די גאַנצע סומע.

אַרבייטער שטאַרבט אין פאַבריק

(2) אין שייבלערס און גראָהמאַנס פאַבריק איז נעכטען פאָרגעקומען אַ געהיימנישפולער טויט פון אַנ'אַרבייטער ביי דער אַרבייט.

דער אַרבייטער יוזעף יאַניאַק איז פּלוצים ביים וואַרשטאַט אַוועקגעפאַלען און געשטאָרבען איידער עס איז אָנגעקומען דער פאַבריקס דאָקטאָר.

דעם טויטען־קערפּער האָט מען איבערגעפיהרט אין פּראָסעקטאָריום, כדי אַדורכצופיהרען אַ סעקציע און פעסטצושטעלען די סיבות פון דעם פּלוצימדיגען טויט.

טראַמוואַי־געזעלשאַפט בעצאָהלט די שאָדענס די גאַליטענע

(—) ווי מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט איז אויף פּעטריקאָווער־גאַס ביים רוג גלובנאַ פאָרגעקומען אַ טראַמוואַי־קאַטאַסטראָפע בעת וועלכער ס'זענען פערוואונדעט געוואָרען 9 פּערזאָן. ווי מיר דערוויסען זיך איצט האָט די טראַמוואַי־דירעקציע מיטגעטיילט די פערוואונדעטע, אַז זי איז גרייט זיי אויסצוצאָהלען זייערע ממשותדיגע שאָדענס אויפ'ן גרונד פון בעווייזען (צעריסענע מלבושים, היילונג ביים דאָקטאָר, מעדיצינען א.א.וו.)

די בעהאלטענע יודען אין שפאניען
קעהרען זיך צוריק צום יודענטום

ווער איז דער אנפיהרער פון די אנוסים אין פארטוגאל. וואס האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע אומצוקעהרען די פערלוירענע ברידער די אנוסים, צו זייער אלטען שטאם, צום יודענטום?

דער נאמען פון דעם וואגען מאן איז ארטור קארלאס דע באראש באסטא, אדער ווי ער הייסט היינט אין העברעאיש: אברהם ישראל בן־ראש. זיין לעבענס געשיכטע איז א מערקווירדיגע און אינטערעסאנט ווי א שפאנענדער ראמאן.

לאמיר דערצעהלען די געשיכטע פון דעם ראזיגען מאן:

אין דעם קליינעם שטעטעל אמאראנטע, וואס ליגט אין דעם דעפארטאמענט אפארטא, פארטוגאל, איז ארטור קארלאס דע באראש באסטא געבוירען געווארען דעם 18־טען דעצעמבער פון יאהר 1887. זיין פאטער איז געווען א בעשיידענער רעגירונגס־בעאמטער, און די פאמיליע האט זיך קיים דורכגעלעבט אויף זיין קליינעם געהאלט. דער פאטער האט אבער שטארק געזארגט פאר א גוטע צוקונפט פאר'ן זוהן. און האט פאר איהם אויסגעקליבען א מיליטערישע קאריערע.

וואס פאר א גלויבען האבען געהאט זיינע עלטערן?

זיין מוטער איז געווען אן'אמת'ע קאטוילין, זיין פאטער איז געווען אן'אנוס. נאר וועגען דעם האט ער זיך ערשט שפעטער דערוואוסט. ער פלעגט זעהן זיין פאטער געוויסע צייטען אין מאל, דאס רוב פרייטאג. צו נאכטס, זיך אבזונדערען אין א בעזונדערען צימער, וואו ער פלעגט עפעס זאגען די תפילות. דאס האט דער יונגעל נישט פערשטאנען. דער פאטער האט קיין מאל נישט גערעדט מיט'ן זוהן וועגען זיין גלויבען, און ער האט געהאט א חשד, אז דער פאטער זיינער איז א מאכמעדאנער. נאכ'ן פאטערס טויט — ער איז געשטארבען גאנץ יונג, — האט דער זוהן גענומען זוכען דעם אמת וועגען זיין גלויבען. דאס האט געענגעבערט זיין נשמה, און ער האט קיין רוה נישט געקאנט געפינען.

איין מאל פרייטאג צו נאכטס איז ער געגאנגען פערביי דער ליסאבאנער סינאגאגע, האט ער דאס הארץ א ציה געטון: „אפשר דא אין דעם טעמפעל וועל איך געפינען דאס, וואס איך זוך, אפשר דא אין דעם גאטס הויז וועל איך געפינען דעם סוד פון מיין גלויבען". און א בלאסער, א שעמעוודיגער יונגערמאן אין מיליטער אוניפארם איז צוגעגאנגען צום פארזיצענדען פון דער ליסאבאנער יודישער קהלה, דעם בעקאנטען פראפעסאר אמזאלאק, און האט איהם געבעטען אן ערלויבניש צו בעזוכען די סינאגאגע בעת'ן דאווענען. מען האט איהם די ערלויבניש געגעבען.

דא, אין דעם טעמפעל, איז איהם אלץ קלאר געווארען. די העברעאישע תפילות האבען איהם ארויסגעבראכט פון פערצווייפלונג. עפעס אן'אינערליכע שטימע האט דאן אין איהם אויסגעשריגען: „דאס איז דער גלויבען פון דיין פערשטארבענעם פאטער, און דאס וועט אויך זיין דיין גלויבען!" פון דאן אן איז קאפיטאן באראש געווארען אן אפטער בעזוכער פון דער סינאגאגע די תפילות האבען איהם שטארק צוגעצויגען.

אין א קורצער צייט ארום האט זיך ארטור באראש געווענדעט צו דער ליסאבאנער יודישער קהלה זי זאל איהם מגייר זיין. די קהלה האט אבער זיין ווילען נישט ערפילט. די ליסאבאנער יודען האבען דא נאך אלץ מורא געהאט מגייר צו זיין אנוסים, כדי נישט צו דערוועקען געגען זיך דעם צארן פון די קאטוילישע גייסטליכע.

ארטור באראש האט דעם אבזאג גוט פערשטאנען און ער האט אפגעלעגט זיין בעשלוס אויף א גינסטיגער צייט.

זיין איבערגעגעבענע ארבייט ווערט איבערגעריסען אויף א געוויסער צייט, ווען עס ברעכט אויס די וועלט־מלחמה, ארטור באראש איז א מיליטער־מאן. מען שיקט איהם אוועק, אלס אנפאנגטיר קאפיטא, צו קעמפען אויפ'ן פראנט אין פראנקרייך און בעלגיען. אין קריג האט ער א סך פערדינסטען און בעקומט מעהרערע אויסצייכנונגען.

זייענדיג אויפ'ן פראנט, טרעפט ער זיך צוזאמען מיט פערשיידענע יודען פון פערשידענע ריכטונגען, און דורך זיי ווערט ער נאך נעהנטער צום יודישען פאלק און צום יודענטום.

קומענדיג צו זיך א היים קיין פארטוגאל נאך דער וועלט־מלחמה שליסט ער צופעליג בעקאנטשאפט מיט א יודישער פרייליין פון טאנזשער, מיט דער טאכטער פון איינעם א העכער אזוענקוט. ער פערליבט זיך אין איהר און בעשליסט מיט איהר חתונה צו האבען, ער קומט צו איהרע עלטערן קיין טאנזשער און איז זיך באלד מגייר.

דער פערליבטער יונגערמאן פערלאנגט דערביי פון זיין שעהנער כלה א־'ן זאך: זי זאל זיך אויסלערנען העברעאיש פאר דער צייט פון זיין פערלאבונג. זי קומט נאך זיין פארערונג.

מאכענדיג זיין היים אין אפארטא, גיט ער זיך איינגאנצען אב מיט אויפלעבען די אנוסים.

אין צפון־פארטוגאל ליגען געגענדען, וואו די אנוסים געפינען זיך אין די טויזענדער. ער פאהרט פון שטאט צו שטאט און פרעדיגט, און וואו ער קומט, וועקט ער אויף און בלאזט פונאנדער דעם אלטען יודישען פונק. אויף דעם שטיינערנעם בארען פון יענע געגענדען וואקסען היינט אויס סינאגאגעס, און אין דער לופט הערען זיך צוריק די אלטע פערשטומטע העברעאישע תפילות...

די אנוסים־בעוועגונג איז איינע פון די מערקווירדיגסטע רעליגיעזע ערשיינונגען פון אונזער צייט, זי ווערט איינגאנצען אנגעפיהרט פון דעם קאפיטאן באראש אליין. ער איז דער לעהרער און ארגאניזאטאר, איבערזעצער און פארשער, גייסטליכער, חזן, פרעדיגער.

ער מאכט איין פערזאמלונג נאך דער צווייטער; ער עפענט סינאגאגעס, זארגט עס זאלען זיין לעהרער אין דער קהלה, צדקה־חברות און ארבייטס־פערמיטלונגען.

ווי שוין געזאגט, פיהרט אן קאפיטאן באראש אליין מיט דער גאנצער אנוסים בעוועגונג, קיין מיטהעלפער האט ער נאך דערווייל נישט און איהם קומט אויס צו קעמפען מיט א סך שוועריגקייטען. עס זענען שווער די נסיעות אויף די לאנדער וועגען אין די געגענדען, וואו די אנוסים וואוינען אין גרעסערע מאסען, אבער דאס שווערסטע איז זיין קאמף מיט א טייל פון די אנוסים גופא, מיט דעם טייל, וואס האט נאך מורא זיך אומצוקעהרען צום יודענטום.

קאפיטאן באראש האט אבער זיין מוט נישט פערלוירען. ער גלויבט אין זיך און אין זיין אויפגאבע. „געדולד און אויסדויער" — דאס זענען די ווערטער, וועלכע ער בענוצט ביי יעדער געלעגענהייט.

אין דער אלטער וויין־שטאט אפארטא אין פארטוגאל וואקסט עפעס אין דער שטיל, וואס קאן אין א שעהנעם טאג ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם גאנצען יודישען פאלק. אין דעם פאל וועט דאס זיין דער פערדינסט פון קאפיטאן ארטור קארלאס דע באראש קאסטא, אדער אברהם ישראל בן־ראש.

א. יאקובסאן

פארוואס איז לונאטשארסקי אראפ אין דימיסיע

אין א בריף פון מאסקווע שרייבט דער ווי״אר קארעספאנדענט ב. סמאליאר.

לונאטשארסקי איז אראפ אין דימיסיע, צווישען די מאסען איז ער נאך עד־היום פאפולער, אבער אין די פארטיי־ספערען האט ער פערלוירען זיין חן. מען האלט איהם פאר ווייך, פאר ווייבעריש. פאר נישט אויסגעהאלטען. קורץ גערעדט — פאר איינעם וואס דארף נישט זיין קיין מיטגליד פון „סאוונארקאם".

אבער לונאטשארסקי איז פארט דער מענש, וואס פערקערפערט מיט זיך די סאוויעטישע קולטור, ער איז פארט איינער פון די עלטסטע קאמוניסטישע טוער. צווישען די ברייטע שיכטען פון ראטען־פערבאנד איז זיין נאמען נאך בת היינטיגען טאג דער גאנגבארסטער.

מען דארף נישט מאכען קיין טעות און דענקען אז די פאליטיק פון בעזייטיגען לונאטשארסקין דירעקט פון דעם סאוויעטישען קאבינעט איז א סטאלין־פאליטיק. ניין, לונאטשארסקי איז נישט סטאלינס קיין געגנער. ער איז נישט פון רעכטען פלי־על. און איז אויך נישט פון דעם לינקען. ער איז דער איינציגער מיטגליד פון דעם „סאוונארקאם", וואס שטעהט בכלל אויסער דער „פליגעל־פאליטיק".

אבער לונאטשארסקי האט אויך זיך אנדערע חטאים, חטאים ריין פערזענליכע, אזעלכע, וואס וועגען זיי איז כמעט אומבעקוועם צו שרייבען, שמעקען מיט דעם פראנצויזישען ווערטער: „שערשע לא פאם".

רוסלאנד, דאס פאליטישע רוסלאנד, קאן נאך עד־היום לונאטשארסקין נישט מוחל זיין דעם סקאנדאל מיט זיין פרוי און אויסלאנד. „רכילות" איז א גאנגבארער ארטיקעל אפילו אין ראטען־פערבאנד, און נישט אפט טרעפען זיך אזעלכע פאלען, אז א פרוי פון א סאוויעטישען קאמיסאר זאל ארויספאהרען קיין אויסלאנד און מען זאל זי דארפען ברענגען צוריק קיין רוסלאנד מיט געוואלד.

און דער נייער סקאנדאל מיט לונאטשארסקין גופא — א סקאנדאל מיט א שנעל־צוג, וואס לונאטשארסקי האט פערהאלטען אויף לענינגראדער וואקזאל אויף פופצעהן מינוט — איז אויך נישט קיין געווונדערטע שפייז פאר דעם דורכשניטליכען סאוויעטישען בירגער. וויפיל אומגעוואונדערטע אויסטייטשונגען האט דער דאזיגער פאל ארויסגערופען, נישט אלעמאל קאן זיך דאך די סאוויעטישע רעגירונג דערלויבען ארויסצוטרעטען און דער פרעסע מיט אנ'עפענטליכען אויסרייד צו איהרע הויכע קאמיסארען, אזוי ווי זי האט עס געטון צו לונאטשארסקין נאך דער פאסירונג מיט'ן צוג.

דער רעזולטאט איז: לונאטשארסקי ווערט א איצט אויס בילדונגס־קאמיסאר און נעהמט אראפ פון דעם „סאוונארקאם" (אויף זיין ארט איז בעשטימט בובנאוו).

אסקאר סלייטער און קאנאן דאיל

אינזערע לעזער געדענקען מסתמא די טרויעריגע געשיכטע מיט אסקאר סלייטער, דעם יודישען עמיגראנט אין ענגלאנד, וואס איז 18 יאהר אפגעזעסען אומשולדיג אין תפיסה אלס בעשולדיגטער אין א רויב מארד און איז פאריאהרען ארויס פריי א דאנק דער אקציע, וואס איז אנגעפיהרט געווארען פאר זיין בעפרייאונג דורך דעם בעריהמטען ענגלישען שריפטשטעלער, דעם פערפאסער פון די „שערלאק־האלמס"־געשיכטען קאנאן דאיל. איצט ווענען די לאנדאנער צייטונגען מודיע וועגען סכסוך צווישען סער ארטור קאנאן דאיל און אסקאר סלייטער.

קאנאן דאיל, וועלכער האט דערבראכט צו דער רעוויזירונג פון אסקאר סלייטערס פראצעס מאהנט 250 פונט, אויפ'ן חשבון פון די הוצאות, וואס ער האט געהאט אין שייכות מיט סלייטערס פראצעס, און וואס ער האט נישט צוריק בעקומען. אסקאר סלייטער וויל דאס געלד נישט בעצאהלען.

דער דאזיגער סכסוך האט זיך ענטוויקעלט אין א מין טראגי־קאמעדיע. קאנאן דאיל ערקלערט, אז אסקאר סלייטער איז אנ'אומדאנקבארער מענש. אסקאר סלייטער ערקלערט, אז ער איז נישט אומדאנקבאר צו סער ארטור, אבער יענער שטעלט איהם צו א רעכענונג, וואס ער קען נישט אנערקענען.

אסקאר סלייטער האט איצט געמאכט א נייע ערקלערונג, אין וועלכער ער זאגט, אז ווען מען האט טאקע בעדארפט צאהלען, האט ער געצאהלט. למשל סער ארטור קאנאן דאיל האט אין זיין רעכענונג אנגעוויזען צו צאהלען מר. פארקען, וועלכער האט געהאלפען אין דער בעפרייאונג פון סלייטערן 100 פונט. דעם זעלבען מר. פארקען האט ער סלייטער געשיקט 200 פונט.

אסקאר סלייטער האט אויך ערקלערט, אז ער האט אפילו נישט געוואלט, מען זאל פאר איהם בענוצען די 700 פונט, וואס סער ארטור קאנאן דאיל האט צוזאמענגעקליבען פון יודען פאר זיין פערטיידיגונג. ער האט געוואלט אליין צאהלען די גאנצע הוצאות. אבער ער וויל נישט צאהלען פאר אזעלכע זאכען, וואס האבען מיט איהם דירעקט נישט צו טון. מען פאדערט פון איהם צו צאהלען דעם היזק פון א בוך, וואס די „פסיכישע פרעסע" האט ארויסגעגעבען וועגען איהם. פארוואס — זאגט ער — זאל ער צאהלען פאר דעם היזק? ווי וואלט געווען ווען מען וואלט ביי דעם בוך פערדינט?

אין זיין ערקלערונג זאגט אויך סלייטער, אז איינגאנצען האט ער געהאט 6000 פונט פון דער רעגירונג: און 2000 פונט פון א צייטונג. פאר וועלכער ער האט געשריבען זיין לעבענס־געשיכטע. מיט דעם גאנצען קאפיטאל זיינעם האט ער געקויפט א פענסיע, וואס מען זאל איהם צאהלען 15 יאהר צייט. אויב ער זאל לעבען לענגער, וועט ער נישט האבען פון וואס צו לעבען. א חוץ דעם פאדערט מען נאך פון איהם שטייער פון די 2000 פונט, וואס די צייטונג האט איהם געצאהלט, און דערצו וויל נאך סער ארטור קאנאן דאיל פון איהם 250 פונט.

סיר ארטור קאנאן דאיל האלט זיך אבער ביי זיינעם, אז דאס געלד קומט איהם און דאס געריכט וועט דארפען ענטשיידען.

דער מאלפע־מענטש

(23 (סענסאציאנעלער ראמאן)

ערשט איצט האט מאריס דערזעהן אין דער וואנד א קליין טירעל צום פעלד ארויס.

דער איבערנאויפיגער אנבליק איז געווען גענוג, כדי צו איבערצייגען זיך, אז מיט דער דאזיגער טיר האט מען זיך נישט לאנג בענוצט.

מאריס האט צופרידען א שמייכעל געטון, א שטויס געטון דאס טירעל, און איז אריין אין דעם הינטער־הויפעל פון שלאס.

קיינער איז דא נישט געווען.

אין די שטראהלען פון דער פריהמארגען־זון האט זיך ברוגז'דיג געהויכט א קיילעכדיגער האלב־בלינדער טורם.

פון די קוימענס איז קיין רויך נישט געגאנגען, און בכלל האט איצט דער שלאס „גריף טאוערס" אויסגעזעהן, ווי אפגעשטארבען.

מאריס איז פארזיכטיג פארויסגעגאנגען, האלטענדיג זיך ביים שאטען פון דער וואנד, און איז אזוי צוגעגאנגען צום ברען־פארק, וואו נאוובארט האט נעכטען געמאכט די אויפנאהמעס.

זיינע נערוון זענען געווען אנגעשטרענגט, די אויגען האבען אויפמערקזאם ארומגעזוכט אין אלע זייטען, ריכטענדיג זיך, אז אלע ווילע קאן פון הינטער א קוסטאק אדער פון הינטער די בוימער ארויסשפרינגען די רויגע מאלפע.

מאריס איז בשלום ווייטער געגאנגען נישט מעהר, ווי זעקס שריט האט איהם איצט אפגעטיילט פון דעם גרויסען שטיינערנעם טורעם, וואס האט געגעבען א נאמען דעם דאזיגען שלאס.

איינע פון די פענסטער פון דעם טורעם איז געווען אפען.

ווער האט אין איהם אויסגעהאקט א שויב? זעלבסטפערשטענדליך נישט דער פארזיכטיגער געשיקטער באג...

אין דער צייט, ווען מאריס האט אזוי אריינגעקלעהרט אין דעם ענין, האט זיך פון אויבען דערהערט אנ'אימה'דיגער געשריי פון א מענש.

מאריס איז אפגעשפרונגען צום פארקאן.

פאר אומגעריכטקייט און פלוצלינגער שרעק, איז איהם א פראסט אדורך איבער'ן גאנצען לייב.

פערשטעקט אין א ווינקעל האט ער זיך צוגעהערט, וואס ווייטער וועט זיין.

דאס געשריי אויבען אין טורעם האט זיך איבערגעריסען, פונקט מ'וואלט דעם שרייענדיגען בגוואלד פערשטופט דאס מויל.

נישט טראכטענדיג קיין סך, איז מאריס צוגעלאפען צו דער צוגעמאכטער טיר, און דערזעהענדיג א גלעקעל האט ער א שטארקען קלונג געטון.

אינעווייניג אין דעם טורעם האט אפגעהילכט א טויבער קלאנג.

מאריס האט זיך שנעל ארומגעקוקט, כדי צו איבערצייגען זיך, אז נישט מצד באג'ן און נישט מצד דער טונקעלהויטיגער דינערשאפט דראהט איהם א געפאהר.

עס איז אדורך איין מינוט.. צוויי מינוט...

מאריס האט שוין געוואלט אנקלינגען נאך א מאל, אבער ער האט פון אינעווייניג טורעם דערהערט דעם אפהילך פון שנעלע טריט.

א פערשלאפענע שטים האט א פרעג געטון פון יענער זייט טיר:

— ווער איז?

— מאריס בראקמאן.

עס האט א קריץ געטון דער ריגעל, קייטען האבען א קלונג געטון, א שליסעל האט זיך א דרעה געטון אין שלעסעל, און די שווערע טיר האט זיך אנ'עפען געטון.

מאריס האט דערזעהן פאר זיך גרעגארי פעגן, וועלכער איז צו איהם ארויס אין פלאנעלענע נאכט־לאטשען, און אין א העמד מיט פערשארצטע ארבעל.

דאס פנים זיינס האט אויסגעדריקט פערוואונדערונג.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט ער א פרעג געטון און ברייטער געעפענט די טיר.

— איך וויל זיך מיט אייך דורכרעדען.

— אזוי פריה? וואס איז דען געשעהן? — האט דער באראנעט א ברום געטון, ארייגלאזענדיג מאריס'ן אינעווייניג.

מאריס איז שווייגענדיג נאכגעגאנגען נאך גרעגארי'ן אין קאבינעט אריין.

דארט זענען נאך בולט געווען די סמנים פון דער פערגאנגענער נאכט.

די שטארען זענען געווען ארונטערגעלאזט, די לאמפען האבען געברענט, און אויפ'ן טיש זענען געשטאנען פלעשער וויסקי: איין פלעשעל איז געווען אויסגעליידיגט.

— איהר ווילט א גלעזעל? — האט גרעגארי משינאל פארגעשלאגען, און מיט א נישט־זיכערער האנד אנגעגאסען וויסקי.

— אייער מאלפע איז אינדערהיים? האט מאריס א פרעג געטון, אפשטעלענדיג אין א זייט דאס גלעזעל.

— באג? אוודאי יא! ער געהט אוועק און קומט צוריק, ווען איהם גלוסט זיך... איהר ווילט איהם זעהן?

— ניין, איך האב איהם שוין געזעהן.

גרעגארי האט געהאלטען אין פערויכערן א פאפיראס, און די האנד האט איהם דערביי א ציטער געטון.

— איהר האט איהם געזעהן? ווען?...

— איך האב איהם געזעהן אין מיסטער לאנגוואל'ס פאלווארק, בעת ער האט זיך בעמיהט אריינצובעקומען אין דער פרייליין לעוושטיינס צימער, און ווען ער האט נישט קיין בעזונדער מזל, וואלט ער איצט געלעגען א טויטער...

דער באראנעט האט א ציה געטון אטעם און א פרעג געטון:

— איהר האט איהם דערהרג'עט?

— איך האב בלויז אויף איהם געשאסען.

— געשאסען? — האט פאמעלעך איבערגעחזר'ט דער באראנעט — איך פערשטעה אייך נישט... צו וואס האט איהר געשאסען? באג איז דאך לחלוטין אומשעדליך...

— ער איז נישט אזוי אומשעדליך, ווי אייך דוכט זיך. — האט מאריס קאלט געענטפערט — ער האט זיך געפרובט אוועקצוראבען דאס פרייליין לעוושטיין פון איהר צימער ארויס.

דער בארענעט האט ברייט געעפענט די אויגען:

— איהר שפאסט?! עס קען נישט זיין!

(פארטזעצונג קומט).

טעלעגראמען

די קאמפאניע געגען ימים-נוראים אין רוסלאנד

מאסקווע, (יטא.) די יודישע קאלאניסטען זענען איצט אין גרויס פערלעגענהייט צוליב דעם, וואס דער טאג פון „קאלעקטיוויזאציע" וועלכען די סאוועטישע רעגירונג האט פראקלאמירט אויפ'ן 14. אקטאבער פאלט אויס פונקט אין דעם טאג פון יום-כפור.

דער „טאג פון קאלעקטיוויזאציע" איז א ספעציעלער „טאג", וואס די סאוועטישע רעגירונג האט באשטימט פאר אלע פויערים פון לאנד צו ארבייטען לטובה רעה וואוקס פון דער סאוועטישער קאלעקטיוויזאציע. דאס וואס דער דאזיגער טאג פאלט אויס גראד אום יום-כפור איז נישט מעהר ווי א צופאל. די יודישע קאלאניסטען זענען אבער זעהר באאונרו־היגט פון דעם דאזיגען צופאל ווייל ער גיט די יודישע קאמוניסטען א גוטען תירוץ צו צווינגען די יודישע קאלאניסטישע פאמיליעס צו ארבייטען אם יום-כפור אויפ'ן פעלד.

די קאמפאניע וואס די יודישע קאמוניסטען פיהרען איצט געגען ימים-נוראים איז דערווייל נישט מעהר ווי אויפ'ן פאפיר, און איינציגע שטעט ווערט אבער די לאגע פערשארפט צוליב דעם, וואס די יודישע קאמוניסטען פאדערען מען זאל ערב יום-כפור אוועקנעהמען די שוהלען פאר קלובען, כדי די פרומע יודען זאלען נישט האבען וואו צו דאווענען. אזעלכע פאדערונגען ווערען איצט מיטגעטיילט פון לע־נינגראד און פון א ריי שטעטלעך אין ווייס-רוס־לאנד. פון דער צווייטער זייט באקלאגען זיך די פ־ מע יודען מיט שטאלען, וועלכע זיי גרייטען צו אלס שוהלען, און פאל ווען זיי וועלען נישט האבען וואו צו דאווענען.

אין מינסק האבען די יודישע קאמוניסטען זיך געווענדעט צום ארטיגען סאוועט מיט א פאדערונג צונעהמען די עלעקטרישע בעלייכטונג פון די ארטי־גע שוהלען. די מינסקער יודישע קאמוניסטען הא־בען אויך אויפגעפאדערט די ארטיגע לעהרער, זיי זאלען אננעהמען מיטלען דאס אלע יודישע קינדער זאלען קומען ראש-השנה און יום-כפור אין די שולען לערנען, גלייך ווי אלע טאג פון א גאנץ יאהר.

דירעקטע פערבינדונג
גדיניא - ארץ-ישראל

דאנציג, 25 (י.ט.א. טעלעגראפיש) אין פוילישען פארט גדיניא איז אנגעקומען א רומעני־שע דעלעגאציע, כדי ארגאניזירען דא א פויליש-רומענישע שיפס-געזעלשאפט. די שיפס-געזעלשאפט וועט אויך האבען א דירעקטע ליניע גדיניא—א"י.

Dr. S HEINRICH

פאמארסקא 10, טעל. 47-67

צוריקגעקהרט.

ספעצ. פאר קינדער און אינערליכע קראנקהייטען

היילט מיט פיזיק.-טעראפיע. דיאטערמיע. קווארץ-לאמפען. ליכט-בעדער, נעמט אן פון $2–12\frac{1}{2}$ און פון 4–7 נמ. פאר אונבעמיטעלטע לעשטניצע-פרייז.

Dr. A. MAZUR

ספעציאליסט פאר האלז-, נאז- און אויערן-קראנקה.

65 וואסכאדניא 65, טעלעפאן 10-66

נעהמט אן פון 12.30 ביז 1.30 נאכמיטאג או. פון 4 ביז 6 אין אוונד.

Kino MIMOZA

ul. KILIŃSKIEGO 178.

פון שבת, דעם 21. ביז מאנטאג, דעם 30. סעפט. ד. י. איינשל.

גרעסטע פרעמיערע פון די לעצטע יאהרען!

ראמאנטישע פאסירונגען פון בעריהמטען כטינקא-ראזין

וואלגא... וואלגא...
(WOŁGA... WOŁGA...)

רעזשיזירט דורך **Turzański** שעפער פון **„Kurjer Carski"**

צום אויביגען בילד איז פנגאזשירט געווארען א ספעצ. כאר ביי דער רוסישער קאלאניע אין לאדז, וועלכער וועט אויספיהרען א רייהע רוסישע לידער. — סווערט געבעטען צו קוקען אויף די פ-יהערדיגע סעאנסען. נעכסטער פראגראם: „געטליכע פרוי"

דער קונסט-פאטאגראפישע אנשטאלט
„PARISIEN"
30 פראנציסקאנסקא 30

נעהמט אן אלערליי אויפנאמען

— פון —
מצבות
— אויפ'ן — בית-החיים

צוגענגליכע פרייזען. סאלידע אויספיהרונג.

די אויפנאהמען ווערען געמאכט מיט ספעציעלע קונסט-אפאראטען

קראפט-שפולען

כמעט ווי נייע

ביליג צו פערקויפען

קילינסקיעגא 21

רעכטע אפיצינע

2-טער שטאק, וו. 18.

— א —
שטריקער

אויף פעדע-ארבייט

זוכט א פאסטען

צו ערפאהרען אין אדמ.

א קאראקולענעם

דאמען-פאלטען

פון גאנצע פעל

פערקויף איך

געלעגענהייטליך ביליג

האטעל „מאנטיפעל"

זאכאדניע 45, צימער 16

א פאדר-ענטשנ

און א פערכן פ-ר-ז

פון א קאפעלושען-געשעפט זוכט א פאסטען פון זאפארט עהענטועל אין קאלאניאל-ווארען געשעפט אדער אין אנ'אנדערער אונטערנעהמונג געגען קליינעם געהאלט ערשטקלאסיגע רעפערענצע אפערט. אונט. „Podręczna" אין אדמינ. 1696

א געוועלב

מיט א שטוב און א קוך איז איבערצוגעבען פון זאפארט. מיט איינריכטונג אדער אהן איינריכטונג, געאייגנעט אויף א רעסטאראציע, צוקערניע אדער געוועלב. צו ערפאה־רען פאלודניאווא 11 אי דער צוקערניע. ס'איז אויך איבערצוגעבען א קאנצעסיר־טע בעקעריי גינסטיג פאר א צוקערניע. 1696

ענדליך
האבען זיך אלע איבערצייגט אז די פאטענטירטע
פעלד-בעטען

PALMA-PATENT וועלכע זענען פערזועהען מיט דער שוץ-מארקע

זענען די פראקטישסטע און דויערהאפטסטע

מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר, עמפפעהלען מיר אויף לאגער.

אויסערדעם בעזיצען מיר אין א גרויסען אויסוואהל

ניקעל-בעטען, ניקעל-קינדער-בעטען, טיש-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך, קינדער-בענקעלעך אויף רעדלעך. טעמער-מאס.

מאטראצען,
גענעסע, שאסקאווע און קאנאדיסקע קאזעטקעס און טאפטשאנעס

בעמערקונג: בעטלעך מיט וועגעלעך ווייס און ברוין 17 זל., פאלאוויע-בעטלעך 14 זל.

רעעלע בעהאנדלונג. -- פאבריקס-פרייזען. -- זעהר ליבע רעפעראטורען.

הורט לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 31-85 דעטייל

באר פאר 150 זל.
בעקומט איהר ראדיא
א 3-לאמפיגן אפאראט
אהן לאמפען און טיילען

ביי דער פירמע

PolskieRadjo
Inż. KRZYŻANOWSKI i S-ka

Andrzeja Nr. 4

Kino „Słońce"

28 Napiórkowskiego 28

dojazd tramwajami № 3 i 4.

היינט און פאלג. טעג! גרויסע פרעמיערע

נאכט-קאוואליערען

דראמע פון ליבע פון אן'אונשולדיג פערמשפט'ן.

אין די הויפט-ראלען:

Wiktor Mc. Laglen, Luis Moran, Nick Stuart

נעכסטער פראגראם ???

אנהויב אין געוועהנליכע טעג 5, 7 און 9 אווענד, שבת און זונטאג 3 א זייגער נאכם.

תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו כי חוק לישראל הוא משפט!!!

זאלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

17 פיעטריקאווער 17

52 זאכאדניא 52

טעלעפאן 48-79

וואו עס ווערט געוויסענהאפט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אדוואלאניעס, אלערליי ספראוועס קארנע און ציווילע וועגען דירות אין אורזשאנד ראזיעמטשי ספעציאליסט פון שותפות-אקטען.

מיט אכטונג

י. מאנעלא, פעטריקאווער 17

רעכטס-קאנסולענט

לעשטניצע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי נאז האלז, אויערן קר.	10—11 2—3, 6—7
ד"ר רוזשאנער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין- אויגען-קראנקהייטען פאלאק	1—2, 7—8
ד"ר יוסטמאן נערוועו קראנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	$11\frac{1}{2}$-1 5-6
ד"ר קאנטאר כירורגיש-קראנק.	$4\frac{1}{2}$-$5\frac{1}{2}$ זונ. 1—2
ד"ר וויינבערג אינ. הערץ לונגען	12—1, $6\frac{1}{2}$—$7\frac{1}{2}$
ד"ר סמאפעל רענטגען	12—2, 4—6
א. גראדענטשיק צאהן-ארצט	3—7
ל. ראזעס צאהן-ארצט	8—2

אויך-טנגדהאלונג, באלייכטונגען, קוואנען, מאסאן או.א. בפ דער לעשטניצע איז נעעפענט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט

דערלאנג פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט ע'נטגענשטראלען. פאר בעשטראלונג און דורכלייכטונג, קאר'ל-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטרוזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קאדם פאר שטעמלער. איטפרונגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכם.

די לעשטניצע איז אויך אפען זונטאג וויזיט אין דער שטאט.

ערצט.-קאסמעטיש. גאבינעט

פרל. מארקוס נעהמט אן פון 5—7 אווענד

Dr. ADAM GROSGLIK

Al. Kościuszki 27

tel. 51-78

הויט- און וועגערישע קראנקה. רענטגען און ליכטהיילאינסט. נעמט אן פון 4—7 אין אווענד

צוריקגעקהרט

Dr. med. H. LAJCHTER
צאהן-כירורג

דזיאסלע-, קין-, גימען, און צונג-קראנקהייטען.

Konstantynowska 9.

telefon 49-66

od $1\frac{1}{2}$—5 po poł. 4604

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער

זגערזשער 11.

טעל. 34-72

נעמט אן פון 6—8 אווענד.

Dr. W. ŁAGUNOWSKi

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych **przeprowadził** się na ul. **Piotrkowskiej 70** róg Traugutta).

Przyjmuje od 8[30] do 10[30] rano, od 1-ej do 2[30] pp., od 6 do 8[30] wiecz. w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

לעבער
מאשינאווע

ווערן אנגענומען

צו ביליגע פרייזן

ג. נארדמאן ציגלן, 29

אנ'ארט צו שלאפען

פאר 2 אינטעליגענטע יונגעלייט. אינפארמירען זיך אויף נייע ציגעל גאס נ.24, אין פרוכטן-געוועלב

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.

אנדזשעיא 5, טעל. 59-40

נעמט אן פון 8–2 נאכמ. און פון 5–9 אווענד. בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נור פאר וועגערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליום מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-מאבינעט קאסמעטיק.

—— טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אווענד. ——

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

Dr. med. J. Polakow

קינדער-קראנקהייטען

צוריקגעקהרט

קאנסטאנטינער 37, טעל. 39-75

אין די לעשטניצע פעטריקאווער 4 29, כ. 2-89

צאהן-ארצט

St. Gelberg

וואוינט יעצט

14 Zawadzka 14

נעמט אן פון 2 - 10 און פון 7 - 4

צאהן-ארצט

JAKÓB KARMAZYN

2 פאלודניאווא 2

צוריקגעקעהרט

נעמט אן פערזענליך פון 9—1 מיטאג און 3—7 אוו.

שייטלעך

צו מעסיגע פרייזען צו בעקומען ביי

פארזשוצקא, קאמיענע 5

אנאנסען-פרייז: פערל טעקסט—18 גר. פריוואט און ערנ׳ ק־ר—24 גר. אין דער פריז 8 שפאלטען ... 4 ... 60— ... אין טעקסט—40 ... 8 ... 18— ... א פילימער-שורה נאכ'ן טעקסט—12 ... דער טעקסט 50 פראצ. טייערער. אויפל. 100 פראצ. טייערער. פאלהאנגען—10 גר. א ווארט

אין לאדז — 5 זל. א מאנאט מיט צושטעלען א מאל אויף דער טאג — 8 זל. א זאזשען אין אויסלאנד — 8 זל.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat" Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Ernestowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat" Piotrkowska 21.